STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05622

NEMT MIKH IN LAND FUN FARGESN

Tsevi Ayznman

Permanent preservation of this book was made possible
by the Yiddish Club of Whittingham, Monroe Township, NJ

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי אײַזנמאַן / נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן

צבי אײַזנמאַן

נעמט מיך אין לאַנד
פֿון פֿאַרגעסן

דערציילונגען און בילדער

פֿאַרלאַג — קיבוץ אלונים — 1983

TZVI EISENMAN

TAKE ME TO THE LAND OF OBLIVION

SHORT STORIES

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פֿון:
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ
יידישן שרײַבער און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישראל
אליעזר פּינעס־פֿאָנד פֿאַר קולטור און ליטעראַטור — תל־אביב
חיה און פנחס הובערמאַן־פֿאָנד — ריטשמאָנד, קאַנאַדע
זרובבל־גאָלדמאַן־קרײַז פּועלי־ציון — ניו־יאָרק

הילע געצייכנט פֿון רעיה וואַסערמאַן־סיני.

מעשׂיות און געשיכטן

אַ מעשה וועגן אַ מענטש וואָס איז אין דער וויסטעניש געגאַנגען

ס׳האָט זיך אַ מאָל אַ מענטשן אַ בערגל געחלומט.

איז דער מענטש אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי און דער חלום איז אים פֿון קאָפּ אַרויסגעפֿלויגן.

דאָס בערגל איז אָבער געווען אײַנגעעקשנט. האָט עס זיך באַוויזן ווידער אַ מאָל, נאָך אַ מאָל און בײַ דעם מענטשן געמאָנט:

— קום, אַנטפּלעק מיך און לייז מיך אויס!

האָט זיך דער מענטש אַוועקגעלאָזן אין די ווײַטקייטן. וווּהין צו גיין — ניט געוווּסט, וואָרעם דאָס בערגל האָט אים אין חלום קיין ריכטונג ניט געוויזן.

אונטערוועגס האָט אים אַ שטורעמווינט באַגעגנט. פֿון אַלע וויסטענישן, פֿאַרהוילענישן, פֿאַלדענישן. פֿון אַלע פוסטע אָנשיקענישן איז דער ווינט אָנגעקומען און אין זײַן אימהדיקן געלויף מיטגעטראָגן כמאַרעס שטויב. דער שטויב האָט זיך אײַנגעגעסן אין די אויגן, זיך אַרײַנגעריסן אין מויל, אין די אויערן. דער ווינט האָט געפּײַפּט און געהוילן און פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, ווי אַלע שדים און רוחות וואָלטן זיך צונויפֿגערעדט דעם בן־אדם אָפּצוהאַלטן און ניט לאָזן אים גיין ווײַטער.

דער צעגליטער אָטעם פֿונעם ווינט האָט דעם זאַמדשטויב פֿונאַנדער־געבלאָזן איבער שטיבער באַווינטע, איבער פֿעלדער פֿאַרזייטע, איבערן גאַנצן הימל. איז די לופֿט געוואָרן געל. דער הימל — געל. די זון האָט דורכן געלן שלייער אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער בלוטסטראָפּן.

אַ שטריק מיט וועש האָט זיך אָפּגעגעלט און געבליבן הענגען מיט פֿאַרשטײַפּטע אַרבל. ביימער האָבן זיך צעוויגט אין געלן שגעון. שויבן האָבן באַקומען געלזוכט. הינט האָבן נערוועז געדריגעט. פֿייגל — אויפֿגעהערט צו טרילערן. ביז דער הימל האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אַרויס־

געפּלאַצט מיט גרויסע, גראָבע רעגנטרערן געמישטע מיט געלער בלאָטע.

אַזוי אומגעריכט ווי דער ווינט איז געקומען, אַזוי אומגעריכט האָט ער צונויפֿגענומען זײַנע פּאָלעס און זיך אָפּגעטראָגן אין זײַן רו אַרײַן. די זון, אַ באַפֿרײַטע, האָט ווי נעכטן און אייערנעכטן זיך דערקײַקלט צום סאַמע מיטן פֿון הימל.

בעתן שטורעם האָט זיך דער מענטש אויסבאַהאַלטן אין אַ פֿאַרלעגן, ליימיק שטיבל. אין אָט דעם שטיבל איז ער שוין פֿאַרבליבן אויף נאַכט־לעגער. בײַם עסן דעם אָרעמען מאָלצײַט האָט אים דער זאַמד געקנאַקט צווישן די ציינער. אָפּגעגעסן, אַראָפּגענומען די סאַנדאַלן פֿון די פֿיס און זיך צוגעשפּאַרט. פֿון דרויסן האָבן זיך געהערט שושקערײַען, שאָרכערײַען, אויסגעטריקנטע צווײַגלעך האָבן זיך געבראָכן, ווי עמעצער וואָלט אויף זיי געטראָטן. ביסלעכווײַז איז געקומען דער שלאָף און אים פֿאַרקלעפּט די אויגן און אין שלאָף האָט ער ווידער געזען דאָס בערגל. אַ זאַלצבערגל איז עס געווען און עס האָט צו אים אַזוי גערעדט:

— אײַל זיך, מענטש, אַנטפּלעק מיך און לייז מיך אויס!

דער מענטש האָט בײַם בערגל געוואָלט פֿרעגן דעם וועג, איז דורכן צעלעכערטן דאַך אַרײַנגעפֿלויגן אַ נאַכטפֿויגל, אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, און ער האָט זיך איבערגעוועקט, אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעבראָכן אַ דיקן צווײַג און אַנטקעגנגעגאַנגען דעם נײַעם טאָג.

אַזוי האָט געוואַנדערט דער מענטש נאָך אַ טאָג מיט נאָך אַ נאַכט. בײַם סוף פֿון דריטן טאָג איז ער שוין געווען זייער מיד. די קליידער צעריסן און די הענט און פֿיס אין ווונדן און ער איז נאָך אַלץ ניט זיכער געווען צי דער וועג פֿירט אים ווּהין ער באַדאַרף. אין מיטן פֿעלד האָט ער דערזען עטלעכע פּאַלמענביימער, אַ שטיינערנע קאָרעטע אויף צו פּויען אייזלען און פֿערד און אַ קײַלעכיקן ברונעם. די קאָרעטע איז געווען געשפּאָלטן און פֿאַרמיסטיקט. קענטיק, אַז מען האָט זיך שוין זייער לאַנג מיט איר ניט באַנוצט. אויך אַזוי דער ברונעם. ער איז געווען כּמעט אויסגעטריקנט. אויפֿן דנאָ האָט נאָך געריזלט אַ קליין, שיטער וואַסערל. האָט דער מענטש צו זיך געזאָגט:

— דאָ וועל איך שטילן מײַן דאָרשט און דאָ וועל איך אַרומוואַשן מײַנע ווונדן.

קיין שטריק האָט דער מענטש ניט געהאַט און ניט קיין עמער. האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און באַטראַכט די קײַלעכיקע װענט. די ברונעמשטיינער זענען געװען באַדעקט מיט אַ גרין שלײַמיקן פּליוש. איז ער פּאַמעלעך אַרונטערגעגאַנגען. מיט די הענט און פֿיס זיך געקלאַמערט אין יעדער אױס־הײלונג, אין יעדער בולטן שפּליטער. פֿון די ברונעם־טונקלענישן האָבן זיך עטלעכע צעפּלאָשעטע פֿייגל אַרויסגעריסן מיט אַ בהלהדיקער סווישטשערײַ און זיך פֿונאַנדערגעפֿלויגן, איבערלאָזנדיק אין די ברונעם־װענט זייערע נעסטן אויף גאָטס באַראָט.

װאָס טיפֿער דער מענטש איז אַראָפּ אַלץ קילער איז געװאָרן. מיט צעשפּאָלטענע ליפּן און צעהיצטן שטערן איז ער צוגעפֿאַלן צום װאַסערל. ער האָט זײַן דאָרשט געשטילט, דעם שטויב אָפּגעטרייסלט, די װוּנדן אַרומ־געװאַשן און ניט געפֿילט אַז אין דער הייך איז דערװײַלע דאָס טאָגליכט אויסגערונען צוזאַמען מיט דער זון.

װען ער איז אַרויפֿגעקומען פֿון דער ברונעם־טיפֿעניש, האָט שוין די לבנה געקעניגט איבער דעם הימל־געװעלב.

אין דער נאַכט האָט דער מענטש נאָך אַ מאָל געזען די זעלביקע זעונג: דאָס זאַלצבערגל. האָט ער זיך בײַם בערגל געבעטן:

— װײַז מיר דעם װעג!

האָט עס טרויעריק געענטפֿערט:

— דאָס קאָן איך ניט. דאָס טאָר איך דיר ניט זאָגן. װען כ׳װעל דיר דאָס אָרט אַנטפּלעקן, װעט דײַן הילף קיין האַפּט ניט האָבן און איך װעל שוין אויף אייביק אַ בערגל פֿאַרבלײַבן.

פֿרימאָרגן איז דער מענטש אויפֿגעשטאַנען און געלאָזט זיך װײַטער שפּאַנען ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ װיסטעניש. ס׳האָט אים אַרומ־גערינגלט אַ בראַנדיקע זוניקייט. ס׳איז ניט געװען װוּ זיך אַהינצוטאָן:

— אַ שאָטן, אַ שאָטן װוּ נעמט מען? — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט, אָבער אויך די װערטער זענען װי צעשמאָלצן געװאָרן פֿון דער היץ. האָט ער זיך געצויגן איבער אָט דער פֿאַרגעסענער שטיק לײדיקייט און בלויז דער אייגענער שאָטן האָט זיך נאָכגעשלעפּט. װען די כּוחות זענען פֿון אים אויסגערונען, האָט ער דעם צװײַג פֿאַרשטעקט צװישן אַ שטיין־

שפּאַלט. די לעצטע צויטן פֿון זײַן העמד פֿונעם לײַב אַראָפּגענומען און עס אויפֿן צווײַג אויפֿגעהאַנגען. איז אַ לײַכטער שאָטן אויף אים געפֿאַלן. האָט ער זיך לעבן צווײַג אַוועקגעזעצט און גענומען אויסוואַרטן אַז די נאַכט זאָל אַראָפּנידערן.

זיצנדיק אַזוי, האָט דער מענטש פלוצעם באַמערקט, אַז אַ פּאָר שפּאַן פֿון אים האָט זיך דער באָדן צערודערט. נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַ געשריי צו טאָן איז פּאַר אים אויסגעוואַקסן אַ בערגל. האָט ער אין זײַנע דערשראָקענע הענט דעם צווײַג אַ כאַפּ געטאָן און מיט צוריק באַנײַטע כּוחות אין דעם יוירנדיקן בערגל אַרײַנגעהאַקט דרײַ פֿעסטע קלעפּ. דאָס בערגל האָט זיך גענומען קרישלען. די שטיינער־שאָלעכץ איז אָפּגעפֿאַלן. ברילעס ליכט האָבן זיך צעוואַקסן, זיך פֿונאַנדערגעטיילט און פֿון זאַלציק־ווײַסן אויסהויל איז אַרויס אַ פּרוי. די פּרוי איז ממשותדיקער געווען פֿון יענער תּנכישער געשטאַלט, וואָס האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער זינדיקער שטאָט און איז פֿאַרזאַלצט געוואָרן. די פּרוי איז אים אַנטקעגנ־געקומען. מיט אַ שטומען בליק בײַ אים געבעטן דעם צווײַג. באַקומען דעם צווײַג, האָט זי באַזאַכט זיך אַראָפּגעבויגן, אים אַרײַנגעשטעקט אינעם זאַמדיקן באָדן און אים אַרומגערינגלט מיט שטיינער, דער ווינט זאָל אים ניט אומוואַרפֿן.

דער מענטש איז נשתּומם געוואָרן. ניט געקאָנט אַ וואָרט אַרויסרעדן. ניט געקאָנט זיך אַ ריר טאָן פֿונעם אָרט.

און עס איז געווען נאַכט און עס איז געוואָרן טאָג. בײַם שאַרײַען האָט זיך דער צווײַג צעוואַקסן אין אַ ביימל. אַ ביימל מיט יונגע גרינע בלעטלעך וואָס מיטן ערשטן זונשטראַל האָבן זיי פֿאַרצויגן אַ דין־דינעם שאָטן איבער דער אַרומיקער הוילקייט. דאָס ביימל האָט זיך געבויגן אויף אַלע זײַטן און דער דינער שאָטן האָט זיך מיטגעבויגן.

איז דער מענטש אויפֿגעשטאַנען און אַוועק אין די פּוסטריט פֿון דער פּרוי.

ביזן הײַנטיקן טאָג זוכט דער מענטש די פּרוי. ער געפֿינט זי ניט. נאָר ווו ער קומט, וואַקסט אַ ביימל אַרויס. ביז ער וועט די פּרוי געפֿינען וועט דעם מידבר אַ געדיכטער וואַלד באַדעקן און פֿייגל וועלן פֿריילעכע שירים זינגען.

אַ מעשה וועגן אַ קעניג,
אַ שטערן און אַ בליצלאָמפּ

דער קעניג איז געלעגן אויף זײַן אָרעם בעטל און געפּרײַכט פֿון היץ. דער קעניג איז געווען האַלב נאַקעט. דאָס אָפּגעשלאָסענע צימער אין דעם טוכלען קעלער האָט ניט צוגעלאָזט קיין שטראַלעכל, קיין טראָפּן לופֿט. דעם קעניגס אויסגעפּאַשעטער בויך האָט זיך שווער באַוועגט, אַרויף און אַראָפּ.

לעבן בעטל, אויף דער הוילער, שטיינערנער פּאָדלאָגע, איז געלעגן זײַן בלאָנדער פּאַרוק, וואָס ער פֿלעגט זעלטן אַראָפּנעמען פֿון קאָפּ, און ווען ער האָט אים שוין יאָ אַראָפּגענומען, האָט ער באַפֿוילן מ׳זאָל קיינעם ניט אַרײַנלאָזן אין זײַן שלאָפֿקאַמער. איצט האָט זיך דער פּאַרוק געוואַלגערט בײַ די פֿיס פֿון דעם סקריפּעדיקן בעט.

אין צימער זענען ניט געווען קיין מעבל. אַחוץ דעם אײַזערנעם בעטל און דעם פּראָסטן בליצלאָמפּ וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פֿון דער סטעליע אויף אַ פּשוט שטריקל — האָט זיך דאָרט גאָרניט מער געפֿונען.

דער לאָמפּ האָט געברענט אָן אויפֿהער, ווײַל דאָס צימער האָט ניט געהאַט קיין פֿענצטער. האָט דער קעניג ניט געוווסט, צי ס׳איז טאָג, צי נאַכט. צי ס׳איז פֿרי, אָדער שפּעט. ער האָט פֿאַרלוירן דעם חשבון פֿון צײַט. ניט געוווסט צי ס׳איז שוין פֿאַרבײַ אַ טאָג, אַ חודש, צי אַ יאָר, זינט מען האָט אים אָנגענומען מיט געוואַלד פֿאַר די אָרעמס, אַראָפּגעריסן די קרוין, אויס־געטאָן די בגדי־מלכות און בלויז אין אונטערוועש אים דאָ אַרײַנגעשטופּט. שפּעטער האָט מען אויף אַ ווײַלע אָפּגעלענט די טיר און אַרײַנגעוואָרפֿן זײַן פּאַרוק. און דאָס איז אַלץ וואָס איז געשען פֿאַר דער גאַנצער צײַט וואָס ער געפֿינט זיך דאָ.

די איינציקע פֿאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז דאָס לעכל אין מיטן פֿון דער טיר, אָבער דאָס איז ניט פֿאַר אים, נאָר פֿאַר די וואָס באַוואַכן אים, וואָס קוקן אַרײַן מיט חוצפּהדיקן נײַגער אויף זײַנע דינע פֿיס, די קרײַדיק־ווײַסע און גלאַנציקע ווי זײַן נאַקעטער שאַרבן, אויפֿן באַרג שמאַלץ וואָס אָט די שוואַכע פֿיס דאַרפֿן טראָגן — און ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיך אַרומצוהילן, ניטאָ קיין ווינקל וווּ זיך צו באַהאַלטן. אַפֿילו די פֿיר ווענט וואָס רינגלען אים אַרום זעען אויס ווי פֿיר שטומע שומרים אָן פּנימער, אָן אַן אייגענער דעה, אָן רחמנות. מ'האָט זיי געהייסן שטיין — שטייען זיי.

דער קעניג איז אַראָפּ פֿונעם געלעגער און גענומען מיט די באָרוועסע פֿיס שפּרײַזן אַהין און צוריק איבער די שטיינערנע טאַפֿליעס פֿונעם פּוסטן צימער. גייענדיק אַזוי פֿון איין ווינקל צום אַנדערן, האָבן אים די מחשבות פֿאַרטראָגן צו יענעם טאָג ווען דער הויפֿנאַר איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און אים דערציילט בסודי־סודות אַז די שטערן־זעערס, די חכמים, וואָס פֿאָרשן דעם גאַנג פֿון די מזלות, האָבן אָנגעטראָפֿן אַ שטערן וואָס וויל ניט פֿאַרגיין, און ער איז אין גאַנצן רויט, און ער וויל זײַן מחוץ דער צײַט.

— דאָס, אדוני מלך, איז ניט קיין גוטער סימן. זייער ניט קיין גוטער סימן.

מאַלע וואָס שטערן־זעערס זאָגן און וואָס אַ לץ, אַ נאַר חזרט איבער. האָט דער קעניג אָפּגעשטופּט דעם לץ און פֿאַרגעסן דעם ענין.

מיט חדשים שפּעטער, ווען דער מלך מיט זײַנע יעגערס זענען צוריק־געריטן פֿון אַ געיעג און מ'האָט געדאַרפֿט אָנפּאָיען די פֿערד, האָט מען זיך פֿאַרהאַלטן בײַ אַ קרעטשמע. דער קרעטשמער און די קרעטשמערקע האָבן זיך אַ פֿאָרע געטאָן אַרום די חשובע געסט.

צווישן די וואָס האָבן געזעכטיקט אין קרעטשמע איז געווען אַ ציגײַנערקע, אַ קאָרטן־לייגערין. ווען די געסט האָבן זיך פֿונאַנדערגעזעצט אַרום די צונויפֿגערוקטע טישן, האָט די ציגײַנערקע געגענט צו דעם וואָס האָט אין אירע אויגן אויסגעזען ווי דער ראָש פֿונעם פֿריילעכן געזעמל, און געזאָגט:

— וויל דער ווילגעבוירענער איך זאָל אים קאָרטן לייגן?

דער קעניג האָט אונטערגעהויבן דאָס אָנגעטריפֿטע ליכט פֿונעם טיש און

זיך צוגעקוקט צו איר פֿון דער נאָענט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין רויטע, מענערשע פּלודערן, געטראָגן אַ פּליושן וועסטל, אויף די צוזויפֿגענומענע האָר איז געווען פֿאַרוואָרפֿן אַ גרין קאַפּעליושל און אין מויל האָט זי געהאַלטן אַ קרומע ליולקע פֿון וועלכער זי האָט געפּיפּקעט און געצויגן דעם רויך.

נאָך אַ לענגערן יִישוב־הדעת האָט דער קעניג איר אָפּגעענטפֿערט מיט אַ שאלה:

— וואָס וועלן דײַנע קאָרטן מיר דערציילן?

— וואָס זיי זעען.

— און וואָס זיי זעען איז אמת?

— דאָס איז גורל.

דער קעניג האָט זי אַדורכגענומען מיט די אויגן. די ציגײַנערקע האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, כּדי ניט צו באַגעגענען זײַן בליק. אַרום די טישן איז געוואָרן שטיל.

אויף די קרוגן, די גלעזער און די טעלער זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן אויפֿן אָרט ווו זיי זענען געשטאַנען. אַלץ האָט געוואַרט וואָס דאָ וועט געשען.

— לייג די קאָרטן, ציגײַנערקע!

די ציגײַנערקע האָט פֿלינק אַ מיש געטאָן די קאָרטן און זיי אונטער־געררוקט דעם קעניג, ער זאָל אַרויסציען אַ קאָרט. די איבעריקע האָט זי פֿונאַנדערגעלייגט אויפֿן טיש. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף זײַן קאָרט און, ניט אַרויסלאָזנדיק די ליולקע פֿון מויל, געזאָגט:

— דער וואַלעט וואָס דער ווילגעבוירענער האַלט אין האַנט, דאָס איז אַ נאַכטיקער הימל מיט אַ שטערן וואָס טוט זיך מערן; וואָס איז גרעסער פֿון אַלע און אַ רויטער דערצו. דער רויטער שטערן וויל זײַן מחוץ דער צײַט, טוט ער זיך הייבן און קלעטערן און — אוי־וויי וואָס איך זע — באַלד וועט ער זיך קלעטערנדיק צעפּיצלען. אוי־וויי — צעפּיצלען. אַ שטערן אַזאַ וואָס איז גרעסער פֿון אַלע, וועט לאָזן נאָך זיך בלויז שטערנשטויב.

ערשט דאָ, אויפֿן סאַמע דנאָ פֿון לעבן, ווו רייד און צײַט האָבן ניט קיין האַפֿט און קיין באַטייט, זענען די ווערטער פֿונעם הויפֿנאַר און פֿון דער

ציגײַנערקע צוריקגעקומען מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט פֿון זייער מיין און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַנע אַקסלען. דעם קעניג איז אין דער צעפּאַרעטער, קעלערדיקער דושנעקייט פּלוצעם קאַלט געוואָרן. אַ צאָן אין אַ צאָן האָט געגומען קלאַפּן: וועט ער שוין דאָ פֿאַרבלײַבן? וועט דער תּמצית פֿון זײַן קעניגרײַך זײַן די פֿיר אָפּגעשיילטע ווענט מיט דער פֿאַרשלאָסענער טיר און דעם קײַלעכיקן, שוואַרצן לעכל וואָס זעט אויס ווי דאָס אויג פֿונעם טויט? און וואָס וועט זײַן ווען די טיר וועט זיך פּלוצעם עפֿענען? וואָס וועט ער הערן? — גיי, ביסט פֿרײַ! טו אָן די קרוין און דין דעם פֿאָלק! אָדער: — קום! קוק זיך אַרום! געזעגן דיך מיט אַלץ וואָס איז דיר ליב און טײַער. עס הוידעט זיך שוין די שטריק. דער שלייף איז גרייט!

דער קעניג האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון דער טיר. ער האָט געוואָלט זײַן וואָס ווײַטער. פֿאַררוקט זיך אין איינעם פֿון די ווינקלען. צוגעדריקט זיך צו דער וואַנט. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ער הערט טריט. טריט איבערן קאָרידאָר. ערגעץ איבערן קאָפּ, פֿון דער סטעליע, האָבן זיך דערטראָגן אָפּקלאַנגען פֿון פֿערדישע פּיס וואָס לויפֿן דאָרט. די פּאָדקעוועס האָבן ווי געלעכערט די סטעליע. דאָס פֿלעמל אין בליצלאָמפּ האָט זיך געטוקט און גערייכערט. גאָר נאָענט האָבן זיך צעבילט הינט. זייערע קולות האָבן אים דערמאָנט דאָס וואַלד־געדיכטעניש און דאָס געיעג פֿון דעמאָלט. די הינט האָבן מיט זייערע הייסע, גאַווערדיקע מאָרדעס אַרומגערינגלט די סאַרנע וואָס איז פֿאַר שרעק געבליבן שטיין. בלויז אירע סאַמעטענע אויגן זענען נאָך אַלץ געלאָפֿן און געשפּרונגען אין די מרחקים.

דער קעניג האָט איצט געציטערט ווי יענע יונגע סאַרנע מיט די ווייכע אויגן. ער האָט עפּעס געמורמלט. אַלע קולות האָבן זיך פֿון אים דערווײַטערט. ס׳איז אַלץ געבליבן ווי געוועזן: די ווענט, די טיר, דער בליצלאָמפּ און ער אַליין. דער לאָמפּ האָט זיך געשטיקט מיטן רויך און איז ביסלעכווײַז אויסגעגאַנגען.

אַ מעשה וועגן אַ שוואַרצן און אַ ווײַסן טויט

א

כ׳בין אַלט געווען אַ יאָר פֿיר, פֿינף, ווען כ׳האָב זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן מיטן טויט. ניט מיט איין טויט, נאָר מיט צווײ. איינער שוואַרץ. דער אַנדערער — ווײַס. איינער אַ ייִדישער. דער צווייטער אַ קריסטלעכער. כ׳געדענק אַפֿילו זייערע ריחות: פֿון איינעם האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פֿון הערינג־לוגער און פֿון פֿאַרשימלטע ווענט און פֿון אַנדערן — אַ זיסלעכקייט פֿון נאָך ניט אויסגעוועפּטן גאַז און פֿון אָנגעטריפֿטן פּערפֿום.

נאָר לאָמיר ניט פֿאַרלויפֿן דעם וועג און דערציילן לויטן סדר:

אין סאַמע מיט פֿון דער וואַרשעווער אָרעמקייט. אויף קראָכמאַלנע גאַס. אין אַ הויף וווּ ס׳האָבן זיך געמערט קינדער, קעץ און שטשורעס. ווו דער בײַכיקער מיסטקאַסטן איז געשטאַנען צעפּראַלט מיט זײַנע צווײ קלאַפּעס און דער געשטאַנק פֿון אים און די פֿליגן אַרום אים זענען געווען אין לשער. וווּ צום אָפּטריט איז מען יורד־רגל פֿון אַלע שטאָקן און דער אָפּטריט האָט קיין וואַסער ניט געהאַט. מ׳האָט זיך געשטעלט אויף אַ ברעט מיט אַ לאָך איבער אַ גרוב און געטאָן די באַדערפֿענישן.

אין איינע פֿון די דירות פֿון דעם הויף האָט געלעבט שמואל דער טרעגער מיט זײַן משפּחה. זיי האָבן געוווינט אין דער נידער. מ׳האָט ניט געדאַרפֿט קלעטערן אויף טרעפּ. מ׳איז צו זיי אַרײַנגעגאַנגען גלײַך נאָכן עפֿענען די טיר.

פֿריער איז די וווינונג געווען אַ סקלאַד פֿון פּעסער הערינג, דעריבער איז דער דיל ניט געווען פֿון האָלץ, נאָר פֿון צעמענט. אַ מין כראָפּעוואַטער, קרעציקער צעמענט. ס׳איז דאָרט געווען אַ בלינד פֿאָדערהייזל און אַ גרעסערער קאַמער אין וועלכן ס׳האָט זיך געפֿונען אַן איין־און־איינציק פֿענצטער מיט צעבויגענע, זשאַווערנדיקע, אײַזערנע קראַטעס.

פֿון דעם הערינג־סקלאַד האָט שמואל מיט זײַן משפּחה געירשנט די פֿאַרשימלטע װענט און דעם שאַרפֿן לוגער־ריח. דער סופֿיט און דער דיל. דער בעקן און דער װאַסערקראַן. די טירן, די פֿענצטער־פֿראַמוגע אַלץ, אַלץ איז געװען אַדורכגעפֿרעסן און געזאַלצן. אַלץ, אַלץ האָט זיך געשײלט און געקרישלט. די בעטן מיט די ניט געלופֿטערטע פּערינעס, דאָס טישל מיט דער צעראַטע, דער שטרויענער קויש מיטן ביסל װעש, דאָס עסן װאָס זײ האָבן געגעסן, די בגדים װאָס זײ האָבן געטראָגן זענען אויך ביסלעכװײַז אַדורכ־גענומען געװאָרן מיט אָט דעם זעלבן גערוך.

מאַכט זיך, אַז בײַם טרעגער שמואל איז געשטאָרבן זײַן ייִדענע און איך — דאָס פֿיר אָדער פֿינף יעריקע ייִנגעלע, האָב זיך גראָד אין דעם פֿרימאָרגן נאָכגעיאָגט נאָך אַ קאַץ. ס׳האָט מיר אָבער אַ צי געטאָן צום טרעגערס אָפּגעלענטער טיר. פֿון דאָרט האָבן זיך געהערט ניט קײן געװײנטלעכע קולות. כ׳האָב איבערגעלאָזט די קאַץ און די שטריק, מיט װעלכע כ׳האָב זי געװאָלט פֿאַנגען און כ׳בין פּאַמעלעך אַריבער די טונקעלע שװעל פֿונעם פֿאָדערהײזל.

שמואל, דער טאַטע, מיט די פֿינף פּיצלעך זענען דאָרט געזעסן. פֿון זײערע מײַלער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מין נויעניש, אַ סקאָװוטשע אַזאַ, װי ניט פֿון פֿינף קינדער װאָלט דאָס געקומען, נאָר פֿון פֿינף הונגעריקע, בלינדע הינטלעך, װאָס געפֿינען ניט דעם װעג צוריק צו דער הינטיכעס װאַרעמען בויך מיט די אָנגעדראָלענע מילך־װאָרצלען.

דרײַ קינדער האָבן זיך צו אים געקלעפּט פֿון אײן זײַט און צװײ — פֿון דער אַנדערער זײַט. זײערע הענטלעך האָבן פֿעסט, פֿעסט צוגעהאַלטן זײַן אויסגעפּעצטן שפּענצער, װי זײ װאָלטן מורא געהאַט, אַז ער, דער טאַטע, קאָן זיך אויפֿהײבן און זײ לאָזן אַלײן אין דער האַלב־פֿינצטערניש פֿונעם פֿאָדערהײזל.

כּדי צו באַרויִקן האָט שמואל זײ מיט זײַנע גולמדיקע, האַרטע הענט אַרומגענומען, אָפּגעלאָזט און װידער אַרומגענומען. ער האָט ניט געװײנט, װי די קינדער, אויפֿן קול, נאָר די טרערן זענען אים סײַ װי גערונען, װי פֿון זיך אַלײן. זײַן פֿאַרקאָלטנט בערדל האָט די טרערן שטיל אײַנגעזאַפּט אין זיך.

די קינדער האָבן פֿון צײַט צו צײַט מיט שוואַכע שטימעלעך אויסגע־פּישטשעט:

— מיאָ (מיר) ווילן צי די (צו דער) מאַ־אַ־אַ־מע!

אָנשטאָט אײַנגעמען, אײַנשטילן די קינדער האָט שמואל מיט אַ צעבראָכענעם, צעקרעכצטן גמרא־ניגון נאָך צוגערעדט:

— וויינט, וויינט, קינדאָ (קינדער). די מאַמע איז שוין מעיאָ (מער) ניש׳ דו (נישטאָ)!

די גאַנצע צײַט האָט זיך דאָס איבערגעחזרט: די קינדער זייערס און דער טאַטע — זײַנס און אין קאַמער איז זייער מאַמע געלעגן איינינקע אַליין אויפֿן הוילן דיל, איבערגעדעקט מיט שמואלס שוואַרצער, שבתדיקער קאַפּאָטע.

דער שפּיגל אויף דער רויער, גרויער וואַנט איז געווען פֿאַרהאָנגען און דאָס פֿענצטער — פֿאַרהאָנגען. עס האָט זיך געשטיקט און געוואָרגן אַ פֿאַר־קאָפּטשעט נאַפּטלעמפּל און מיט אים צוויי גראָשעדיקע ליכטלעך, וואָס זענען געשטאַנען צו קאָפּנס דער ליגנדיקער, צוגעקלעפּט צו אַ ציגל. די ליכט־קנײטלעך האָבן פֿון צײַט צו צײַט אויפֿגעזידט און געקנאַקט, ווי זיך געבײזערט, וואָס זיי דאַרפֿן מיט זייערע שוואַכע פֿלעמלעך אַזוי פֿיל חושך צעהעלן.

אויף דעם שוואַרצן צודעק איז געלעגן אַ סקאָרינקע ברויט און אונטערן צודעק האָט דער גוף אויסגעזען אַזוי אײַנגעשרומפּן, אַזוי קלייך, ווי ניט קיין מאַמע וואָלט דאָרט געלעגן, וואָס האָט אַזוי פֿיל מאָל שוין געקינדלט, נאָר אַ קינד אין דער גרייס פֿון אירע קינדער, וואָס זענען געזעסן מיט זייער טאַטן אויף דעם שאָרסטקן צעמענט פֿונעם פּאָדערהייזל און שטיל אויסגעקלאָגט:

— מיאָ ווילן צי די מאַ־אַ־אַ־מע!

מײַן קינדערישער שכל האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דעם וואָס די אויגן האָבן געזען און די אויערן האָבן געהערט. כ׳האָב ניט פֿאַר־שטאַנען פֿאַר וואָס אַ ייִד מיט אַ באָרד, אַ טאַטע, דאַרף זיצן צוזאַמען מיט זײַנע קינדער אויפֿן פֿײַכטן דיל פֿונעם כמעט פֿינצטערן פּאָדערהייזל און ניט אין צימער, בײַם טיש, אויף אַ בענקל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ טאַטן. פֿאַר וואָס האַלט ער זײַן ווײַב אויפֿן צעמענט. פֿאַר וואָס לאָזט ער ניט די קינדער צו צו

איר. פֿאַר וואָס איז פֿאַרמאַכט און פֿאַרהאָנגען דאָס פֿענצטער. פֿאַרשטעלט דער שפּיגל. פֿאַר וואָס איז אָנגעצונדן דאָס נאָפּטלעמפּל. פֿאַר וואָס ברענען ליכט. פֿאַר וואָס זאָגט ער די קינדער, אַז די מאַמע איז מער ניטאָ, ווען זי איז יאָ דאָ, נאָר ער האַלט זי אָפּגעזונדערט אונטער דעם שבתדיקן בגד זײַנעם?

דערווײַלע זענען זיך צונויפֿגעקומען שכנים פֿון הויף, מענטשן פֿון גאַס. ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָט מען מיך אַרויסגעשטופּט פֿאַר דער טיר פֿונעם פֿאָדערהייזל מיט אַלע האַרבע קושיות מיט וועלכע מײַן יונג קעפּל איז פֿול געווען.

ב

אין אַ צײַט אַרום איז מיר ווידער באַשערט געווען אָנצושטויסן זיך אויג אויף אויג מיטן טויט:

ווען מײַן טאַטע האָט שוין בעסער פֿאַרדינט, האָבן מיר זיך אַריבער־געקליבן אין אַן אַנדערן טייל פֿון וואַרשע.

דאָ איז דער הויף געווען געפֿלאַסטערט. מיט אַן אַרומגעצוימט, קײַלעכיק גערטל. מיט אַ הילצערנעם געשטעל אויף רייניקן און אויסקלאַפּן דיוואַנען, לופֿטערן פּערינעס און קישנס. דאָ האָבן ייִדישע קינדער גערעדט פּויליש. דאָ האָט דער הויזוועכטער ניט אַרײַנגעלאָזט קיין בעטלער, קיין בייגל־הענדלער, אַלטוואַרג־אויפֿקויפֿער און סתּם פֿרעמדע, וואָס מ׳האָט ניט געוווּסט וואָס זיי ווילן און וואָס זיי זוכן.

דער וועכטער האָט געהאַלטן "אויג" און אָרדענונג. ס׳רוב איז ער אַרומ־געגאַנגען מיט אַ לאַנגן בעזעם אין האַנט. די קינדער האָבן צוליב אָט דער "אָרדענונג" פֿאַר אים אַ היפּש ביסל מורא געהאַט. זיך געהאַלטן פֿון אים, בעת זייערע שפּילערײַען ווי מעגלעך פֿון דער ווײַטנס, ווײַל מ׳האָט קיין מאָל ניט געוווּסט וואָס עס איז זיי דערלויבט צו טאָן און וואָס ניט. וואָס הייסט בײַ אים "זיך שפּילן" און וואָס הייסט "מאַכן אַ באַלאַגאַן" און פֿאַר "מאַכן אַ באַלאַגאַן" האָט מען געקאָנט אָפּשנײַדן אַ מיאוסן פּסק.

דאָ זענען ס׳רוב פֿענצטער געווען מיט פֿאָרהאַנגען און מיט בלומענ־טעפּ. ניט זעלטן פֿלעגט מען, אין די אָוונטן, הערן פֿון אַ פֿענצטער אַרויס אַ פּיאַנע־שפּיל, אָדער אַן אָפּערע־געזאַנג פֿון אַ גראַמאָפֿאָן־פּליטע. דאָ האָבן ייִדישע משפּחות געהאַלטן קריסטלעכע דינסטן.

איינע אַזאַ דינסט, וואָס האָט איר אָפּגעשפּאָרט קניפּל געלט און איר ליבע אַוועקגעשאָנקען אַן אומווערדיקן פֿאַרשוין, אַ שאַרלאַטאַן, וועלכער האָט איר צוגעזאָגט חתונה האָבן, צום סוף זי איבערגעלאָזט און נעלם געוואָרן, האָט זיך ס׳לעבן גענומען. ווען אירע בעלי־בתּים זענען אַוועק־געפֿאָרן און זי איבערגעלאָזט אַליין אין דער וווינונג, האָט זי אַלע פֿענצטער און טירן פֿאַרקלאַפּט און פֿאַריגלט און דאָס גאַזרערל, אין דער קיך, געעפֿנט.

ווען כ׳בין יענעם טאָג אַראָפּ אין הויף, האָב איך געזען, אַז עפּעס רודערט זיך. מענטשן קומען. מענטשן גייען. מ׳איז געשטאַנען גרופּקעס־ווײַז. מ׳האָט זיך געסודעט. מ׳האָט אָנגעוויזן מיט די פֿינגער צו די פֿענצטער פֿון ערשטן שטאָק. אַלע דינסטמיידלעך פֿונעם הויף און פֿון אַנדערע הייף זענען זיך צונויפֿגעקומען. זייערע פּנימער האָבן אויסגעדריקט פּחד, מיטלײַד און צאָרן. זיי האָבן זיך כּסדר געצלמט און זיך געווישט די נעזער מיט די ברעגן פֿון זייערע פֿאַרטעכער.

כ׳האָב געזען, אַז מענטשן גייען אַרויף צום ערשטן שטאָק, בין איך אויך געגאַנגען. שוין אויף די טרעפּ האָט זיך געפֿילט אַ זיסלעך־איבלדיקער ריח. טיר און טויער זענען געווען פֿונאַנדערגעפּראַלט. די פֿענצטער צעעפֿנט. די פֿאָרהאַנגען אָפּגערוקט.

עמעצער האָט מיט אַ פּולווערריזאַטאָר צעשפּריצט פּערפֿום אינעם חלל פֿון דער דירה. אַרום די ווענט פֿונעם רחבותדיקן סאַלאָן זענען אויס־געשטעלט געווען שטולן. חוץ די שטולן האָט זיך אין מיטן פֿון סאַלאָן געפֿונען אַ גרויסער משפּחה־טיש. אויף אים איז געשטאַנען אַן אָפֿענע, באַזילבערטע טרומנע און אין איר — זי, די געסמטע — שטום, בלייך, שטײַף. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַס קלייד, ווײַסע שיך, אַ ווײַסן וועלאָן פֿאַרפּוצט מיט ווײַסע, פֿאַפּירענע בלומען. אַרום איר האָבן ווײַסע, הויכע ליכט געברענט מיט אַ שטיל געברען. זי איז געשלאָפֿן אַ ווײַסן שלאָף.

אַן אַלטע גויע האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני. געבוקט, געצלמט זיך און געפּרעפּלט תּפֿילות מיט אַן אײַנגעפֿאַלן מויל. די דינסטמיידלעך, וואָס זענען בײַגעקומען דעם פּחד און זיך דאָ צונויפֿגעשטופּט, האָבן זיך אויס־געזעצט אויף די שטולן, לענג־אויס די ווענט און זיצנדיק אַרויסגעהאָלפֿן דער אַלטער מיט אַ מעלאַנכאָליש־אויסגעצויגענעם קלויסטער־געזאַנג, וואָס

האָט אויך געשמעקט מיט גאַז, פּערפֿום און מיט אַ ווײַסן הויך פֿונעם טויטס קאַלטע ליפּן.

אַ מעשה וועגן אַ מאָלער, אַ זייגער־מאַכער, און אַ זאַק מיט צעפּערטלטע בילדער

ס׳איז געווען אַ מאָלער וואָס האָט געוווינט אין אַ דאַכשטיבל פֿון אַן אָפּגעקראָכן הויז, אין אַ קוואַרטל וווּ ס׳רוב איינוווינער זענען געווען אַלטע, קראַנקע לײַט, פּענסיאָנערן, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט אויף קיצבה פֿון דער שטאָט.

האָט דער מאָלער גענומען, אין איינעם פֿון די פֿאַרנאַכטן, אַ פּשוט קיכ־מעסער אין האַנט און געשאָכטן פֿינף פֿון זײַנע בעסטע בילדער, מיט וועלכע ער האָט זיך ניט געוואָלט קיין מאָל שיידן, וועלכע ער האָט נאָך געמאָלן ווען ער איז יונג געווען, ווען דער פּענדזל האָט געפּיבערט, ווען ער האָט געהאַט איינפֿאַלן און די איינפֿאַלן האָבן זיך אָנגעקליידט אין פֿאַרבן. דערנאָך האָט ער די צעפּערטלטע לײַוונטן אַרײַנגעטאָן אין אַ זאַק און דעם זאַק אַראָפּגע־טראָגן צום בלעך. צום בלעך, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פֿונעם הויף, לעבן אַ בלוי־צעבליטן בוים.

און געווען איז אַ זייגער־מאַכער, אַ טרוימער, וואָס אויף זײַן וואַרשטאַטל איז די צײַט געלעגן צעשרויפּט און צענומען אויף רעדלעך, שטיפֿטן און ספּרוזשינעס. און דער זייגער־מאַכער איז געזעסן בײַם אָפֿענעם פֿענצטער פֿון זײַן פּאַרטער־וווינונג פֿאַרטאָן אין מחשבות און ער האָט געזען ווי דער מאָלער טראָגט אַ האַלב־פֿולן זאַק און וואַרפֿט אים אַרײַן אין בלעך. ס׳איז אָבער דעם זייגער־מאַכער ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז אין זאַק ליגן צעשניטענע — פֿינף פֿונעם מאָלערס בעסטע בילדער, מיט וועלכע ער האָט זיך קיין מאָל ניט געוואָלט שיידן.

אַרײַנגעוואָרפֿן, אויפֿן בלעך צוריק דאָס דעקל אַרויפֿגעטאָן, איז דער מאָלער אַ געבויגענער, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געטראָגן דעם זאַק אויף דער פּלייצע, אַרויס פֿונעם הויף און מיט פֿאַרנאַכטיקע טריט זיך געלאָזן צום ים־ברעג, דאָרט וווּ די זון האָט דערטרונקען בײַם סאַמע האָריזאָנט איר הייסע,

ניט אויסגעלעבטע ליכטיקייט אינעם קאַלטן תּהום פֿונעם ים־וואַסער.

פֿינף קעץ זענען געקומען צום בלעך. פֿינף קעץ האָבן זיך יאָמערלעך צעשריען. דעם זייגער־מאַכער אָבער, דעם טרוימער, האָט דאָס ניט אַרויס־געריסן פֿון זײַנע רעיונות. די הייזעריק געוואָרענע קעץ האָבן זיך סוף־כּל־סוף אָפּגעטראָגן. אין הויף איז ווידער געוואָרן שטיל. אין הויף איז ווידער געווען בלוי. אין הויף האָט דער פֿאַרנאַכט זיך געסודעט מיטן בוים.

און דער זייגער־מאַכער, דער טרוימער, וואָס האָט זיך אין ערגעץ ניט געיאָגט, ווײַל די צײַט איז בײַ אים געלעגן צענומען אויפֿן וואַרשטאַטל, איז נאָך אַלץ געזעסן בײַ דעם אָפֿענעם פֿענצטער פֿון זײַן פּאַרטער־וווינונג, ווײַטער זיך געגריבלט אין די געדאַנקען און ניט באַמערקט (און אפֿשר האָט ער יאָ באַמערקט, נאָר זיך ניט געמאַכט זען), ווי דער צודעק פֿונעם בלעך האָט זיך אונטערגעהויבן, פֿון זיך אַליין אונטערגעהויבן און פֿון זאַק זענען אַרויסגעפֿלויגן איינס נאָך ס׳אַנדערע שטיקער גרין און שטיקער רויט און נאָך זיי — אַ שטיק גרויע טונקלעניש פֿון אַן אויסגעמאָלענעם רויך, וואָס האָט זיך געשלענגלט פֿון אַן אויסגעמאָלענעם קוימען. באַלד נאָכן רויך האָבן אין דער לופֿט אַ שוועב געטאָן קרעלן בורשטינענע פֿון דער שוועסטערס האַלדז. דעם טאַטנס שטערן מיט די אויגן (אָפּגעריסן פֿונעם שטיק לײַוונט, ווו ס׳איז פֿאַרבליבן די צווייטע העלפֿט פֿון זײַן פּנים) האָבן זיך געהוידעט צוזאַמען מיט דער שוועסטערס האַנט. די האַנט האָט זיך געוואָלט ערגעץ אָנכאַפּן, נאָר דעם "ערגעץ" האָבן די מעסערשניט פֿונעם מאָלער צעקאַליעטשעט.

פֿונעם זאַק איז אויך אַרויס און זיך שווערלעך אונטערגעהויבן אַ קופּערנע פֿאַן און מיט איר האָט מיטגעקוליעט אויף אַ געשפּאָלטענעם פֿוס, אַ טישלאָמפּ. די שערבלעך פֿון זײַן ווײַסן קלאָש זענען געבליבן אויפֿן דנאָ פֿונעם זאַק.

אַ שטיק לבנה, פֿון דער אַלטער היים, האָט זיך אויך אַרויסגעגראַבלט פֿונעם בלעך און זיך אַרויפֿגעלאָזט צום הימל, צו באַגעגענען די היגע לבנה וואָס וועט זיך אָט באַלד, אָט באַלד באַווײַזן און איר אָפּגעבן אַ גרוס פֿון אַ וועלט, וואָס איז איין מאָל שוין חרוב געוואָרן און איצט האָט מען זי, צום צווייטן מאָל, מיט אַ געוויינטלעך קיכמעסער געקוילעט.

אַ מעשה־נורא אין אַ מילדן, פֿרילינגדיקן טאָג

ס׳איז געווען ערב־פּסח. אַ מילד וועטער. אַ מילדע זון. ווו גייט מען אין אַזאַ שיינעם, אויסגעצוואָגענעם, פֿרילינגדיקן טאָג? אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

אין גאָרטן — אַ סך מאַמעס מיט קינדער. די זון האָט געוואַרעמט. אַ ווינטל האָט געלאַשטשעט. ס׳איז געפֿאַלן אַ געלבער פּוך פֿון צעבליטע אַקאַציעס. יעדעס מאָל האָט זיך אַן אַנדערע חיה צעשריען. די גרעסטע הצלחה האָבן געהאַט די מאַלפּעס ביים קליינוואַרג. אויך דער דערנעבנדיקער קיאָסק מיט זיס געבעקס און רבי־ניסלעך.

איך פֿאַרטראָג ניט קיין צו גרויסן טומל, בין איך מיר אָפּגעגאַנגען צו די זייטיקע סטעשקעס. כ׳האָב זיך אַזוי געלאָזן געשפּרייזט. דאָ זיך אָפּגעשטעלט. דאָרטן געקוקט. זיך צוגעהערט צום ווינטל. עפּעס האָב איך זיך געפֿילט אויסגעטאָן פֿון אַלע דאגות.

צוויי גערטנערס האָבן אונטערגעשניטן אַ בוים מיט אַן עלעקטרישער זעג. די זעג האָט געמאַכט אַזאַ רעש, אַז די חיות האָבן פֿון אויפֿגערייצקייט זיך געדראַפּעט אויף די ווענט פֿון די שטייגן. איך האָב ניט געמוזט זיין דאָרט ווו מען זעגט ביימער, האָב איך מיר אויסגעקליבן אַן אַנדער ווינקל פֿונעם רחבותדיקן גאָרטן.

כ׳האָב שפּאַצירט אַזוי לאַנג ביז כ׳בין פֿאַרקראָכן אין דער אַלעע פֿון עקזאָטישע פֿייגל. פֿייגל מיט פֿלאַטשיקע שנאָבלען און פֿייגל מיט קרומע שנאָבלען און אַלע האָבן זיי געהאַט אין זייער פֿאַרצוימונג וואַסערלעך אויף צו באָדיען, פּלעסקען און זיך אונטערטוקן.

מיין פֿויגל וואָלט איך גאָרניט באַמערקט, ווען ער גיט מיך ניט אַ רוף. כ׳וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ער האָט מיך ביים נאָמען גערופֿן. מיט אַ מענטשלעך קול ביים נאָמען גערופֿן. ניט יעדן טאָג טרעפֿט זיך אַזאַ זאַך. האָב איך זיך אומגעקערט און כ׳בין צו צו דער דראָט־פֿאַרצוימונג. אויך ער,

דער פֿויגל, האָט זיך דערנענטערט און פּלוצעם, אָן שום סיבה, געבליבן שטיין.

כ׳האָב צו אים אַ גוטברודערישן מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן. אייגנטלעך האָב איך אים געוואָלט אַ רוף טאָן, אָבער ניט געוווּסט ווי אַזוי. אַ קאַץ, אַז מען וויל זי זאָל צוקומען, רופֿט מען קיץ־קיץ־קיץ. צו אַ הונט גיט מען אַ פֿײַף, אָדער אַ צמאָקע מיט די ליפּן. דער פֿויגל מײַנער, וואָס כ׳וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ער האָט מיך בײַם נאָמען גערופֿן, האָט זיך ניט ווּסנדיק געמאַכט פֿון מײַן פֿאָכע טאָן מיט דער האַנט און איז ווײַטער געשטאַנען אָן אַ ריר צו טאָן מיט זײַן קליינעם קאָפּ. אָן אַ בייג צו טאָן אַ פֿוס.

ווען כ׳וואָלט ניט געזען דעם פֿויגל מיט אַ פּאָר מינוט צוריק ווי ער איז אַרויסגעקומען פֿונעם וואַסער און אַפֿילו מיך גערופֿן בײַם נאָמען — וואָלט איך געמיינט אַז דאָס איז אַ סקולפּטור אַזאַ פֿון שוואַרץ־ווײַסן שטיין און ניט קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש.

געשטאַנען איז ער צו מיר אין פּראָפֿיל. האָב איך געזען בײַ אים בלויז איין אויג. זייער גרויס און קײַלעכיק איז עס געווען. גאָרניט פּראָפּאָרציאָנעל מיט זײַן קליין קעפּל. כ׳האָב צודרינגלעך אַרײַנגעקוקט אין זײַן אויג און דאָרט גאָרניט געפֿונען. ניט קיין נײַגער און ניט קיין גלײַכגילט. ניט פֿרייד און ניט אומעט. ניט מיד און ניט וואַך.

די צײַט איז געלאָפֿן און ער, דער פֿויגל, אָן ענדערונג: שטייף די פֿליגל, שטייף דער לאַנגער, ווײַסער האַלדז. דאָס גרויסע קײַלעכיקע אויג האָט אויף מיר געקוקט און ניט געקוקט. אָט די פֿאַרגליווערטקייט זײַנע האָט אין מיר דערוועקט אַ קרענקלעך באַדערפֿעניש צו צווינגען אים זיך אַ ריר צו טאָן פֿונעם אָרט. ס׳איז ווי געוואָרן מײַן איין־און־איינציקער ציל. כ׳האָב אויס־געפּרוּווט אַלע מיטלען דאָס צו דערגרייכן: געשריען, געטופּעט מיטן פֿוס. אַפֿילו אַ צונג אים אַרויסגעשטעלט. דער טונקעלער יצר האָט איבער מיר געוועלטיקט און מיך באַוויגן צו קראַקען, מיאַוקען און צו מעקען. צו שטעלן זיך אויפֿן קאָפּ. דער פֿויגל אָבער איז געווען אײַנגעשפּאַרט און ווײַטער געשטאַרצט. האָב איך צעפֿירט די הענט אין דער ברייט און ווי מיט פֿליגלען גענומען פּאַטשן און פֿאָכען אין דער לופֿט. געשטעלט זיך אויף שפּיץ פֿינגער ווי גרייט צום פֿלי, געמיינט — דאָס וועט אים אַרויסרײַסן פֿון

דער געליימטקייט. געשען איז אָבער, צו מײַן גרויסער שטוינונג, אַנדערש. אָנשטאָט אים אַרויסצוציען פֿון דער פֿאַרשטיינערונג, האָב איך זיך דערווײַלע פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿויגל. צו מײַן בושה און אַנגסט — אין אַ פֿויגל. מיט אַ קורצן שנאָבל ווי בײַ אים. מיט שוואַרץ־ווײַסע פֿליגלען. מיט אַ קליין קעפּל און גרויסע, קײַלעכיקע אויגן און די פֿיס מײַנע זענען געוואָרן ווי בײַ אים: דאַר און דין.

ווען דער באַפֿליגלטער האָט דערזען, אַז איך בין גאָר אויף אַן אמת אַ פֿויגל געוואָרן, האָט ער זיך צעלאַכט. וואָס הייסט צעלאַכט! עק און שנאָבל האָבן זיך געטרייסלט. דאָס גוידערל — געטרייסלט. מיט אים האָבן שוין מיטגעלאַכט די אַרומיקעביימער, דאָס ווינטל, די צוים און אַזוי לאַכט ער נאָך ביז צום הײַנטיקן טאָג. און איך — פֿלי אַרום בעל כּרחי פֿון אָרט צו אָרט און כ׳קאָן קיין מנוחה ניט געפֿינען.

גוטע מענטשן! אויב איר ווייסט, ווען ניט איז, זען אַז יענער קורץ־שנאָבל־דיקער פֿויגל פֿונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט אויפֿגעהערט צו לאַכן — גיט מיר צו וויסן. אפֿשר וועל איך דעמלט מסוגל זײַן צוריק אַ מענטש ווערן? אפֿשר?

אַ פֿאַרצײַטישע געשיכטע

מע דערציילט, אַז אַ מאָל, נאָך אין די צײַטן פֿון מלכות־ישראל, האָט אַ זון פֿון אַ קריגסמאַן, אַ העלד פֿון מלחמות, זיך מיטגעברענגט אַ מיידל פֿון אַ ווײַט לאַנד, מעבר לים. דאָס מיידל איז אַוועקגעריסן געוואָרן קעגן איר ווילן פֿון איר היים און משפּחה און דעריבער איז איר האַרץ ניט געווען מיטן זון פֿון דעם קריגסהעלד.

זי איז נאָך כּמעט אַ קינד געווען און שיין און שטאַלטנע און ליכטיק, אַז פֿרויען האָבן זיך אָפּגעשטעלט זי צו באַוווּנדערן און מענער האָבן זיך אַזש געבוקט פֿאַר התפּעלות. דאָס מיידל, די יפֿת־תּואר, האָט אָבער פֿון קלעמעניש און בענקעניש געגומען אײַנגיין. זי האָט געבענקט צום טאַטנס הויז. צו דער מאַמעס גלעט. צו דער שוועסטערס פֿאַרפֿלעכטן איר די צעפּ. צום קריי פֿון האָן. צום סקריפּ פֿון הילצערנעם ראָד בײַם שעפּן וואַסער. צום זינגפֿויגלס טריל אין די פֿאַרנאַכטן. צו קלייניקייטן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין באַדײַט און אין דער פֿרעמד קאָן מען אָן זיי ניט לעבן און צו אַלץ, אַלץ, וואָס האָט ניט קיין נאָמען — און איז היים.

גאַנצענע טעג איז זי געזעסן בײַם אָפֿענעם פֿענצטער און געקוקט צום ים. שיפֿן זענען געקומען, שיפֿן זענען געגאַנגען און מיט זיי זענען מיט־געגאַנגען די טעג, וואָכן, חדשים.

פֿון דער ווײַטנס האָבן מעווס געשוועבט, האָט זי זיי גערופֿן צו זיך מיט אַ קוים געהערט קול.

די ווײַסע פֿייגל האָבן אין פֿלי גיכער דערפֿילט ווי דערהערט איר רוף און זיי זענען צו איר געקומען.

זי האָט זיי געגלעט. זי האָט זיי געטוליעט. זי האָט צו זיי געפֿליסטערט הייס און לאַנג. די מעווס זענען אונטערגעשפּרונגען און געפּאַטשט מיט די

פֿליגל ווי פֿאַרשטאַנען וואָס זי האָט זיי אָנפֿאַרטרויט און זענען אַוועק־געפֿלויגן אַזש ביז צום האָריזאָנט און נאָך ווײַטער פֿון דאָרט.

דער זון פֿון קריגסמאַן האָט אַלץ געהאָפּט, אַז דאָס מיידל וועט זיך סוף־כּל־סוף צוגעווינען, מיט דער צײַט פֿאַרגעסן און פֿאַרגעבן די עוולה וואָס ער האָט איר אָפּגעטאָן און זי וועט אים באַווילן.

ער האָט פֿאַר איר געדונגען דינסטן. בשמים געבראַכט. מיט האַלדז־בענדער און אויערינגען באַשאָנקען. ער האָט צו איר גערעדט די איידלסטע, די וואַרעמסטע רייד. דאָס מיידל אָבער האָט זיך פֿון אים אָפּגערוקט און דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט. ווען זי האָט שוין יאָ געמוזט אויף אים קוקן, איז דער בליק געווען פֿאַרבאַהאַלטן אונטער די שפּאַרעס פֿון די אויגן און פֿון פּנים האָט געשלאָגן אַ קאַלטע, שטײַפֿע פֿרעמדקייט.

דאָס מיידל האָט אין איר באַדרענגעניש גוזר געווען אויף זיך אַ תּענית און דעם תּענית געהאַלטן.

ווען דער זון פֿון קריגסמאַן האָט געזען, אַז דאָס מיידל ווערט שוואַכער פֿון טאָג צו טאָג און פֿון צו פֿיל פֿאַסטן קאָן זי שוין ניט אויפֿשטיין פֿון געלעגער, האָט ער גרויס רחמנות באַקומען און איז גרייט געווען זי אָפּצופֿירן אין איר לאַנד, מעבר לים, כאָטש געוווּסט האָט ער, אַז אין אַזאַ מעמד וועט זי ניט אויסהאַלטן אַ לאַנגע נסיעה פֿון חדשים איבער אַן אומזיכערן און קאַפּריזנעם ים.

האָט דער זון פֿונעם קריגסמאַן געלאָזט צו זיך רופֿן אײַנעם אַ זקן, וואָס האָט געשמט איבער דער מדינה מיט זײַן חכמה און מיט זײַנע מופֿתים אויף צו באַראַטן זיך מיט אים וואָס צו טאָן, ווי צו האַנדלען.

דער גרײַז האָט אים געדולדיק אויסגעהערט און צום סוף אַזוי געזאָגט:

— ראשית כּל, פֿיר מיך צו איר, לאָמיך זי אָנקוקן, דאַן וועט מיר אפֿשר די השגחה אונטערזאָגן אַ גוטע עצה.

האָט ער אים געבראַכט צום חדר מיוחד פֿון דעם מיידל, אים דאָרט אַרײַנגעלאָזט און אַליין געבליבן פֿאַר דער טיר אויף צו וואַרטן ביז יענער וועט צוריק אַרויסקומען.

דער זקן איז אַרײַן, געשטעלט זיך צופֿוסנס פֿון דער סאָפֿע, אויף וועלכער דאָס מיידל איז געלעגן פֿאַרזונקען אין אַ מין אומרויִקן שלאָף. פֿון

צייַט צו צייַט האָט ביי איר אַ צוק געטאָן אַ ברעם. דער אַלטער האָט בלויז אָנגערירט דעם דופּק און זיך גלייַך צוריקגעצויגן.

אויפֿן פֿרעגנדיקן בליק פֿון דעם קריגסמאַנס זון האָט דער גרייַז געענטפֿערט:

— דעם גוף קאָן מען שוין ניט אָפּראַטעווען, אָבער די נשמה, די שיינקייט אירע קאָן אַ צירונג ווערן פֿאַר אונדזער לאַנד אויף דור־דורות. כ׳וועל זי פֿאַרוואַנדלען אין אַ בוים. אין אַ בוים, וואָס זאָל זיך אויך, ווי זי, אויסטיילן מיט זייַן פּראַכט פֿון אַלע אַנדערעביימער. אין אַ בוים וואָס זאָל אין די ייִנגסטע צייַט פֿון יאָר פֿאַרבלענדן די אויגן פֿון יעדן דורכגייער און פֿון יעדן, וואָס וועט קומען זיך אָפּרוען אין זייַן שאָטן — מיט דער ווייַסער קאָליר פֿון זייַנע געבליטן. ווייַס — ווי ווייַס עס איז די אומשולד פֿון אַן ערשט געבוירנס. ווייַס און קלאָר — ווי אַ טרער, וואָס שטייט אין אויג און לאָזט זיך ניט אויסוויינען.

צו קבר־ישראל

צו ערשט האָבן זיי זיך אײַנגערעדט אַז חיליק ליגט אַ פֿאַרוווּנדעטער, אַ באַוווּסטלאָזער ערגעץ דאָרט אין איינעם פֿון די שפּיטאָלן איבערן לאַנד.

האָבן לאה און יעקב אָנגעהויבן אַרומצוזוכן זייער זון אין די שפּיטאָלן: געלאָפֿן איבער טרעפּ. געהיפּערט קאָרידאָרן. געעפֿנט טירן. פֿאַרמאַכט טירן. גערעדט מיט דאָקטוירים. אָפּגעשטעלט קראַנקן־שוועסטערס. געגאַנגען איבער זאַלן פֿון בעט צו בעט און בײַ די ליגנדיקע זעלנער אויס־געפֿרעגט: אפֿשר געזען? אפֿשר געהערט?

דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אינעם געדאַנק: פּלען, געפֿאַנגענשאַפֿט.

אין אַן פֿאַרמאַכטן טעלעוויזיע־קרײַז האָט מען געוויזן בילדער פֿון די, וואָס זענען בעת די קאַמפֿן אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. בילדער גענומענע פֿון דער אויסלענדישער פּרעסע און פֿון שכנותדיקע טעלעוויזיעס. מ׳האָט דאָס געוויזן צוויי מאָל אין טאָג — זענען לאה און יעקב צוויי מאָל אין טאָג דאָרט געגאַנגען: אפֿשר האָבן זיי נישט אַזוי גוט אויפֿגעכאַפּט די פּנימער? אפֿשר האָבן זיי חיליקן בײַ די פֿריערדיקע סעאַנסן נישט דערקענט? אַלע געפֿאַנגענע האָבן אויסגעזען אַזוי אָפּגעלאָזן, אַזוי דערשלאָגן, נישט ראַזירט. טייל — מיט אויגן אַראָפּגעלאָזטע, ווי זיך געשעמט מיט זייער מעמד פֿאַר דער נײַגעריקער, קאַלטער און פֿרעמדער פֿאָטאָ־קאַמערע.

אַלע האָבן געטרייסט: ס׳וועט זיך אויפֿקלערן. ער וועט זיך אָפּזוכן. מ׳דאַרף האָפֿן און האָבן געדולד. געדולד — ווען דו האָסט נישט קיין שום ידיעה, קיין רמז אויף וואָס זיך אָנצוהענגען.

יעקב האָט אין יענע שווערע טעג אויסגעזען רויק. ער האָט געשמועסט מיט קרובים און פֿרײַנד שטיל און געלאַסן, ווען זי, לאה, האָט קיין פּנימער נישט געזען — נאָר שוואַרצע פֿלעקן און נישט געוווּסט וואָס די אַלע מענטשן טוען דאָ בײַ זיי אין שטוב, וואָס זיצן און הערן נישט אויף צו רעדן.

*

צוויי יאָר נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה און נאָך דעם ווי אויך יעקב האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז געשטאָרבן, איז לאה געבליבן אַליין אין דער גרויסער, פֿאַרשוויגענער דירה ווי אַ שטיק מעבל. אַ מעבלשטיק וואָס טראַכט, וואָס אָטעמט, וואָס באַוועגט זיך, אָבער אויך אַזוי איבעריק ווי דער גרויסער משפּחה־טיש, שאַפֿעס, פֿאָטעלן. ווי די טעלעוויזיע וואָס ווערט ניט געעפֿנט. ווי די וואַשמאַשין וואָס שטייט פֿאַרדעקט (פֿאַר איין מענטש לוינט זיך נישט צו "מאַכן אַ וועש"). ווי דער עלעקטרישער באַקאויוון וואָס זײַנע גלעזערנע אויגן געדענקען שוין נישט די צײַט ווען זיי האָבן זיך צערויטלט. דאָס איינציקע וואָס האָט געהאַט אַ האַפֿט און געדײַעט, זענען געווען די פֿלאַנצן אין די בלומענטעפּ, וואָס חיליק האָט געהאָדעוועט אין אַ ווינקל פֿונעם באַלקאָן.

אין איינעם פֿון די טעג האָט מען געבראַכט פֿון די מידבר־זאַמדן אַ סענקעוואַטן קאַסטן און לאהן אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז איר געפֿאַלענער זון.

צו דער שערענגע גלײַכע מצבות פֿונעם בית־עולם וועט צוקומען נאָך איינע. אַזאַ אויסגעגלאַטיקטע, אַזאַ ווײַסלעכע מיטן אײַנגעקריצטן נאָמען:

סגן יחיאל אשכּנזי

23 יאָר אַלט. זון פֿון יעקב און לאה.

געפֿאַלן בעת אויספֿירן זײַן שליחות.

י"ב תשרי, תשל"ד (8 אָקטאָבער, 1973).

*

צו דער לוויה איז מען זי געקומען נעמען. ס'איז געווען הייס און פֿײַכט. בײַם גיין פֿון אויטאָ צום "פֿעלד" האָט זיך לאה געלאָזט אונטערהאַלטן פֿון צוויי קוזינעס, כאָטש דאָס איז געווען אין גאַנצן איבעריק. לאה איז געווען וואַך צו יעדער קלייניקייט: צו די קבצנים, בײַם טויער, מיט די אויסגע־שטרעקטע פּושקעס. צו אַ צעבראָכענעם קראַן וואָס האָט געטריפֿט אָן אויפֿ־

הער. צו אַ בינטל בלומען אין אַ סלוי, אויף אַ מצבה־שטיין, מיט אַרונטער־געלאָזטע, פֿאַרחלשטע קעפּ. זי האָט זיך צוגעקוקט צום פֿאַרזאַמלטן עולם מיט אַ ניכטערן בליק. צווישן זיי האָבן זיך אָנגעזען חיליקס חברים. די, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געקעמפֿט און די, פֿון אוניווערסיטעט.

אַלץ איז צוגעגאַנגען לויטן אָנגענומענעם נוסח. אָן אַן אינעווייניקסטן ציטער. אַפֿילו דער הספּד פֿונעם מיליטערישן רב (וואָס האָט זיך יעדע ווײַלע געווישט מיט אַ גרויס טיכל דעם שווייס פֿון קאַרק און פּנים) האָט לאָהן אויסגעזען אַזוי טרוקן, אַזוי אומפּערזענלעך, כאָטש ער האָט אין זײַנע רייד דערמאָנט חיליקס נאָמען אויסגערעכנט זײַנע מעלות, זײַנע אויפֿטוען, זײַן גבורה.

מ'האָט דעם אָרון אַראָפּגעלאָזט אין גרוב אַרײַן. עס האָבן גענומען פֿאַלן די ערשטע שופֿלען ערד. דער חזן האָט האַלב געזאָגט, האַלב אויסגעזונגען קאַפּיטלעך תהילים. דער עולם איז געשטאַנען שווײַגנדיק. אַ סך פֿון זיי האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש פֿון דער זון אונטער די ביימער. בלויז די רידלען און די שופֿלען האָבן נישט געשוויגן. געריסן און געביסן די אָנגעהויפֿטע ערד און זי געשטופּט אין גרוב אַרײַן. די ערד האָט זיך געשיט און דער חזן האָט "געזאָגט":

בלויז מיט דײַנע אויגן וועסטו אָנקוקן,
און די באַצאָלונג פֿון די רשעים וועסטו זען — — —

און ערגעץ ווײַטער:

וואָרום זײַנע מלאכים וועט ער באַפֿעלן וועגן דיר,
דיך צו היטן אין אַלע דײַנע וועגן — — —

און נאָך ווײַטער:

איך וועל זײַן מיט אים אין אַ צרה — — —
מיט לאַנגע יאָרן וועל איך אים זעטן — — —

מיט לײַב און לעבן האָט זיך לאה געבונטעוועט קעגן אָט דעם "מיט לאַנגע יאָרן וועל איך אים זעטן". זי האָט דעם חזן נישט געוואָלט מער הערן. אויסגעקוקט אַז דאָס אַלץ זאָל זיך שוין ענדיקן.

די באַגרעבערס האָבן געשוויצט. די ערד איז געווען האַרט און טרוקן. די רידלען האָבן זיך יעדעס מאָל אָנגעטראָפֿן אויף שטיינער. דער שטאָל האָט זיך צעקריצט אָבער נישט נאָכגעגעבן ביז דער גרוב איז ענדלעך פֿאַרפֿולט געוואָרן, ביז ס׳איז אויסגעוואָקסן אַ בערגל.

עטלעכע זעלנערקעס האָבן מיט געמאָסטענע טריט צוגעטראָגן עטלעכע בלומענקרענץ, זיך איַנגעבויגן, אָוועקגעלייגט, סאַלוטירט, אויסגעדרייט זיך און אין דער זעלבער מיליטערישער אָרדענונג צוריקגעשפּרײַזט און זיך געשטעלט נישט ווײַט פֿון דער אויסוואַרטנדיקער זעלנער־קאָמאַנדע וואָס זענען געשטאַנען מיט די ביקסן לעבן דעם רעכטן פֿוס אין פֿרײַער פּאָזיציע. זיי האָבן נישט געדאַרפֿט לאַנג וואַרטן. עס האָט זיך געהערט אַ באַפֿעל. די זעלנער האָבן זיך געשטעלט אויף אַכטונג און פּרעזענטירט די ביקסן. נאָך אַ באַפֿעל — די ביקסן זענען גרייט געווען און אויפֿן קורצן געשריי ״פֿײַער״! האָבן זיי איינס נאָך ס׳אַנדערע דרײַ מאָל אויסגעשאָסן לכבוד דעם צום קבורה־געבראַכטן קעמפֿער. צום סוף האָט דער חזן געמאַכט דעם ״אל מלא רחמים״ און שוין. מען האָט זיך גענומען פֿונאַנדערגיין. פֿונאַנדער־פֿאָרן.

אויך לאה האָט זיך געפֿונען מחוץ דעם טויער מיט די צוויי קוזינעס און מיט באַגלייטערס וואָס זי האָט יאָ געקענט און נישט געקענט. די באַגלייטערס האָבן עפּעס אין איר אַרײַנגערעדט, אָבער דאָס איז צו איר נישט דערגאַנגען. זי האָט געזען ווי זייערע ליפּן באַוועגן זיך. די גאַנצע צײַט האָבן זיי גערעדט און מסתּמא גערעדט אַזוי הויך מ׳זאָל זיי הערן און מסתּמא מיט וואַרעמקייט, מיט געפֿיל, ווי עס פּאַסט צו רעדן צו אַן אָבל. אירע אויגן זענען טרוקן געווען בעת דער קבורה און אויך איצט, ווען מען האָט זי באַגלייט צום אויטאָ. צו די קוזינעס האָט לאה געזאָגט, אַז זי וויל אין היינטיקן אָוונט זײַן אַליין און זיך מיט זיי געזעגנט נאָך איידער דער אויטאָ האָט געריירט פֿונעם אָרט. ערשט אין דער היים, ווען זי האָט באַגאָסן חיליקס בלומענטעפּ, האָבן די טרערן ווי אויפֿגעטײַעט און צוזאַמען מיטן וואַסער פֿײַכט געמאַכט די ערד אַרום די פֿלאַנצן.

אין מידבר

די זון איז ווידער אויפֿגעגאַנגען איבערן מידבר און ניט געאײַלט, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, גענומען קלעטערן איבער די מרחקים פֿונעם פּוסטן הימל.

מיטן זון־אויפֿגאַנג, האָט זיך געביטן דער אויסזען פֿונעם גאַנצן אַרום. די ווײַסלעך־גרויע קאָלירן פֿונעם באַגינען האָבן צום מיט פֿון טאָג זיך אָפּגעגעלט. די געלקייט איז אויך ניט געווען שטאַנדהאַפֿטיק. געביטן זיך מיטן בלאָז פֿון ווינט. טייל מאָל זענען די זאַמדן געוואָרן געלבלעך־גרוי. טייל מאָל געלבלעך־רויט און גאָר אָפּט — אַ פֿולע, פֿאַרטריקנטע, צעפּאַרעטע געלקייט וואָס האָט געבלענדעט און געשטאָכן אין די אויגן. געצויגן זיך און פֿאַרצויגן ביז צום בראַנד פֿון פֿאַרגאַנג. ביז צו די אויסגעצויגענע, פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס וואָס די בערג צעוואַרפֿן איבער די דיונעס.

פֿון דער זון און פֿון דער היץ איז גאָר קיין באַהעלטעניש ניט געווען. אין דער אויטאָקאַבינע מיטן אָנגעגליטן, בלעכערנעם דעכל, איז די לופֿט נאָך שטיקנדיקער, נאָך הייסער ווי אין דרויסן.

דער וועג האָט זיך געהויבן מאָנאָטאָן און זיך אַראָפּגעלאָזט מאָנאָטאָן צוזאַמען מיטן לאַסטאויטאָ. ווידער אַרויף אויף אַ בערגל און ווידער זיך אַרונטערגעלאָזט. די אַקסן פֿונעם אויטאָ זענען אונטערגעשפּרונגען פֿון אומגעדולד, אָדער פֿון ווייטאָג, וואָס די רעדער האָבן זיי פֿאַרשאַפֿט בײַ אַ פּלוצעמדיקן האַמעווען. די רעדער האָבן אָפּגעשטויסן פֿון זיך מיט פֿאַרדראָס די קליינע וועג־שטיינדלעך און זיי אָפּגעוואָרפֿן צו די זײַטן.

דער וועג האָט אויסגעזען צו זײַן אָן אַ סוף און געפֿירט פֿון פּוסטקייט צו פּוסטקייט. ווו מען האָט זיך אומגעקוקט: זאַמד, זאַמד, זאַמד. די ווינטן האָבן אים געקעמט און קאַרבירט. צערודערט אים ביז צום גרונט. געטריבן און

געוואָרפֿן פֿון אָרט צו אָרט. פֿאַרהאַרטעוועט זײַנע ראַנדן און שפּעטער אים פֿאַרוואַנדלט אין צעמאָלענעם שטויב.

בלויז בײַ די קוסטעס און נידעריקע ביימלעך, צווישן די בערג־אײַנשניטן (ווו אין די ווינטער־חדשים גיט אַ מאָל אַ פֿלייץ אַדורך אַ רעגנשטראָם) דאָרט האָבן די ווינטן זייער שליטה פֿאַרלוירן.

מ׳האָט געקאָנט פֿאָרן שעהען אויף שעהען עס זאָל גאָרניט פּאַסירן. דאָס איינציקע וואָס האָט געלעבט און זיך באַוועגט אין הייסן גליוער פֿון טאָג איז געווען דער פֿרײַכנדיקער און וואָרטשנדיקער מאָטאָר פֿונעם לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט געשטופּט די רעדער פֿאָראויס און מיט די אויפֿ־געהויבענע שטויבן אָפּגעטריבן דעם טאָג אויף צוריק.

מ׳האָט דעם אויטאָ געשיקט ברענגען רערן און אײַזערנע שטאַנגען פֿון אַ צענומענעם אָבסערוויר־פּונקט (וואָס איז איבערגעבליבן פֿון דער יום־כּיפּור־מלחמה). ער האָט שוין פֿון לאַנג געדאַרפֿט צוקומען צום אָרט ווו דער פּונקט איז געווען. פֿון דער רעכטער זײַט וועג שוין פֿאַרבײַגעפֿאָרן דעם אַרומגעצוימטן שטח, ווו ס׳פֿלעגן שטיין די טאַנקען בײַ נאַכט און ווו מען האָט זיי אָנגעפֿילט מיט בענזין. אויך די עטלעכע צענדליק אײַזערנע סקעלעטן פֿון פּאַנצער־אויטאָס שוין געהאַט הינטער זיך, אָבער די רערן און די אײַזערנע שטאַנגען האָט מען נאָך אַלץ ניט געזען. ניט אין דער הייך און ניט אין דער נידער. ניט בײַ דער זײַט פֿון וועג און ניט אין מיטן. דער אויטאָ האָט אָבער געמוזט דרײַ מאָל זיך פֿאַרהאַלטן:

דאָס ערשטע מאָל — אַדורכצולאָזן אַ קאַראַוואַן. אַ קאַראַוואַן, וואָס איז ווי אַרויסגעקומען פֿון אַ גרויסן, צעעפֿנטן תּנך.

עס האָט זיך פֿאַרצויגן אַ לאַנגע רײַ קעמל־רײַטער, אייזל־טרײַבער, פּוס־גייער און אויסגעזען האָט עס, אַז דאָס פֿאָרט מען צו עפּעס אַ שמחה.

די קעפּ פֿון די קעמלען און די אויערן פֿון די אייזלען זענען געווען פֿאַרפּוצט און באַהאַנגען מיט זײַד־געוועבטע נעצן, מיט ברוין־רויטע, און באָרדאָ־גרינע סטענגעס. די זאָטלען — באַדעקט און באַצירט מיט פּליוש און בראָקאַט אַרומגעזוימטע מיט אַלערליי מטבעות, מיט גאָלד און זילבער־פֿעדעמדיקע פֿראַנדזן.

פֿאָרויס זענען געריטן די מענער. אַ טייל פֿון זיי האָט געהאַט פֿאַרשטעקט אין די גאַרטלען קורצע, אויסגעקרימטע שווערדלעך. דער,

וואָס האָט זיך בנעימותדיק געוויגט אויפֿן רוקן פֿון אַ קעמל אונטער אַ גרינעם, זײַדענעם באַלדאַכין, איז מנהסתּם געווען דער חתן.

הינטער די מענער, אַ ביסל אָפּגערוקט, זענען נאָכגעריטן די פֿרויען מיט די פֿאַרדעקטע פּנימער, געהאַלטן לעבן זיך די קליינע קינדער און אין די אָרעמס — די זויגלינגען. צום סוף פֿון דער שורה — די פּאַסטעך־יונגען מיט די ציגן און שעפּסן. דאָס גאַנצע געזעמל האָט זיך באַוועגט זייער און זייער פּאַוואָליע. מענטש און חיה זענען געווען געצוימט און אײַנגעהאַלטן. קיינער איז קיינעם ניט פֿאַרלאָפֿן דעם וועג.

עמעץ פֿון די מיטפֿאָרערס האָט מיט זײַנע ברוינע פֿינגער צעדרויבלט עטלעכע טאַקטן אויף אַ פּײַקל. עטלעכע מענער־שטימען האָבן אונטער־געכאַפּט דעם ריטעם פֿונעם פּויקער און פֿאַרצויגן אַ באַקאַנטן, נאָגנדיקן ניגון. די פֿרויען האָבן מיט אַ פֿריילעכער קוויטשעניש אונטערגעהאַלטן דאָס געזאַנג, קלאַפּנדיק זיך מיט די פֿינגער איבער די ליפּן.

און אַזוי פּײַקלענדיק, זינגענדיק און הוידנדיק זיך איבערן זאַמד איז דער רעשנדיקער קאַראַוואַן פֿאַרבײַ דעם וועג און אַוועקגעשלעפּט זיך דאָרט ווו די זון וועט פֿאַרענדיקן איר טאָגיקן גאַנג. אַ כאָפּטע הינט, דער שטויב און די היץ האָבן זיי נאָכבאַגלייט.

ווען דער וועג איז פֿרײַ געוואָרן האָט דער לאַסטאויטאָ געריררט פֿונעם אָרט. אָפּגעפֿאָרן אַ שטיק אין טאָג אַרײַן, האָט ער זיך ווידער געמוזט אָפּשטעלן:

אַ שוואַרץ־אויגיקער און געקרײַזלטער מאַנספּאַרשוין מיט ברייטע, ווײַסע שאַראַוואַרן האָט פֿון ערגעץ געפֿירט זײַן מעוברתדיקע פֿרוי אויף אַן אייזל. קיין סך זענען זיי ניט אָפּגעריטן. די פֿרוי האָט באַקומען געבורטס־ווייען, האָט ער זי פֿונעם אייזל אַראָפּגענומען, געלייגט אונטערן דינעם שאָטן פֿונעם אייזלס בויך און אַוועקגעאײַלט זוכן הילף. דערזען אַן אויטאָ אָנקומען איז ער אים אַנטקעגן געלאָפֿן מיט צעפֿאָכעטע הענט.

דערווײַלע איז די פֿרוי געבליבן אַליין. אַליין, מיט איר קראַמף פֿון געבערן. אירע געשרייען און געוואַלדן האָבן אַרומגעבלאָנקעט פֿאַראײַנ־זאַמט צווישן די זאַמדן אַזוי לאַנג ביז ס'האָט זיך פֿון איר אָפּגעטיילט אין בלוט און אין שוויס דאָס נײַע לעבן. די פֿרוי האָט אינסטינקטיוו אַ שאַר געטאָן דאָס נײַ־געבוירענע צו זיך און פֿאַרדעקט מיט איר ברייט, שוואַרץ

בגד די נאַקעטקייט פֿון איר שויס, ווי זי וואָלט זיך פֿאַרשעמט פֿאַרן הייסן אויג פֿון דער זון. איר בליק איז נאָך פֿול געווען מיט אַנגסט און פּײַן, אָבער די פֿרייד פֿון געבערן האָט אים ביסלעכווײַז אויסגעלײַטערט און די אויגן האָבן זיך צעשײַנט.

ווי נאָר דאָס נפֿשל האָט די ליכטיקע וועלט דערזען, האָט עס זיך ווי דערשראָקן און פֿאַרקלונגען דעם מידבר מיט זײַן ערשטן געוויין.

דערהערט פֿון דער ווײַטנס דאָס געוויין, האָט דער באָרוועסער טאַטע אין די ווײַסע שאַראַוואַרן געלאָזט דעם אויטאָ און איז צוריק צום ווײַב העלפֿן איר אָפּרייניקן זיך און אָפּשנײַדן דעם נאָפּל וואָס האָט זי געבונדן צום נײַ־געבוירענעם.

דער טאָג האָט זיך שוין גענייגט צום פֿאַרגיין. דער אויטאָ איז ממשיך געווען. אויפֿן וועג איז פּלוצעם, אין גאַנצן אומגעריכט, אויסגעוואַקסן אַ מענטש. פֿונעם ערשטן אויגנבליק האָט מען געקאָנט זען אַז דער מענטש איז אין דער מידבר אַ פֿרעמדער: דאָס לאַנגע העמד, וואָס איז געהאַנגען אויף אים און דערגרייכט ביז צו די קנעכל פֿון די פֿיס, איז געווען פֿאַרלאַטעט און אויסגעשוויצט. דער שטערן און די ווילד־צעוואָקסענע האָר פֿון קאָפּ זענען געווען אַרומגענומען און פֿאַרבונדן מיט אַ שמאָל, רויט טיכל. דאָס אויסגע־מאָרעטע פּנים האָט שוין לאַנגע וואָכן ניט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַ ראַזיר־מעסער און פֿון אַ פֿריש ביסל וואַסער. אין זײַנע אויסגעדאַרטע הענט האָט ער געהאַלטן אַ מענטשלעכן שאַרבן. הויט און ביינער איז דער מענטש געווען. דאָס גאַנצע חיות האָט געשטעקט אין די אויגן און זיי האָבן געגליט מיט אַן אומנאַטירלעך פֿײַער. ער האָט דעם שאַרבן אויפֿגעהויבן איבער זיך און אים געשטרעקט מיט די צוויי שוואַרצע אויגן־לעכער צום אויטאָ, וואָס האָט אומגערן פֿאַרלאַנגזאַמט דאָס פֿאָרן. געשטרעקט און גערופֿן צו דער קאַבינע מיט אַ הויך און באַנומען קול:

— קום, דינען גאָט! זאָג זיך אָפּ פֿון אַלע ווילטאָגן, פֿון אַלע גלוסטענישן, פֿון אַלע באַדערפֿענישן! דער גוף איז פֿאַרגענגלעך. באַפֿרײַ די נשמה פֿון גוף. דערמעגלעך איר צוצוקומען וואָס נענטער צו גאָט! גאָט איז אייביק!

דער שאָפֿער האָט עפּעס ווי יאָ געהערט און ווי ניט געהערט וואָס דער מענטש מיטן מענטשלעכן שאַרבן שרײַט. דער פֿלאַם פֿון דעם מענטשנס

אויגן האָבן ווי אונטערגעצונדן די רעדער, זיי האָבן זיך אַ ריס געטאָן און געשווינד אַוועקגעקײַקלט צום בערגל ווו די זון איז נאָר וואָס אויסגעגאַנגען אין בלוט און אין שווייס. די רעדער האָבן נאָך זיך געלאָזט אַ גרויען, שטיקנדיקן בענזין־ריח.

שפּעטער וועלן זאַמד־כוואַליעס פֿאַרווישן די סמנים, וואָס די רעדער פֿונעם לאַסטאויטאָ האָבן געלאָזן נאָך זיך. דער בענזין־ריח — זיך אויס־וועפּן. די צעריסענע שטילקייט וועט צוריקקומען און פֿון דאָס נײַ זיך נעמען צונויפֿהעפֿטן אירע פֿעדעם און ס׳וועט אויסזען ווי קיין מאָל וואָלט דאָ גאָרניט מער געווען אַחוץ זאַמד, אַחוץ שטיין און אַחוץ צײַט וואָס איז געבליבן שטיין אין געלער אָנגעגליטקייט פֿון סאַמע בראשית אָן.

האָט ער באַפֿוילן...

האָט ער באַפֿוילן: זאָלן הײַזער פֿון דער שטאָטישער ענגשאַפֿט, פֿון דער שטאָטישער נידער, זיך אַרויסרײַסן און צעלויפֿן איבער בערגלעך פֿאַרטראַכטע, אונטער שאָטנדיקעביימער, צו פֿעלדער פֿאַראַקערטע, צו גערטנער פֿאַרזייטע, שויבן זאָלן אַראָפּוואַרפֿן די בעלמעס פֿון שטויב, פֿון רויך און פֿון טומל און זיך אײַנטונקען אין גרין פֿון דער ערד, אינעם בלוי פֿונעם הימל!

האָט ער באַפֿוילן: זאָל זון מיט אירע גלי־צײַנער די בייטן ניט צעגריזשען, טויען זאָלן גראָזן ווייך און זאַפֿטיק מאַכן, מענטש — ניט דאַרפֿן שטיין פֿאַרשעמט אויף הונגעריקע שוועלן, וואַדיס זאָלן מער ניט בענקען צום קאַלטן באַריר פֿון וואַסער, שטערן זאָלן פֿון די הימלען ניט אַנטלויפֿן און טשאַטעס ווערטער — ניט דאַרפֿן אַרומפּליען, קלאַפּן און אויסגיין בײַ טויבע טירן!

און באַפֿוילן האָט ער: דער גליוער פֿון איינזאַמע בערגלעך זאָל צערינען און די פּרוי, וועלכע איז אין זאַלץ פֿאַרשטיינערט געוואָרן זאָל די אויגן עפֿענען און אַ טרער, די לעצטע זאַלצטרער, זאָל זיך אַראָפּקײַקלען און אָפּשווענקען דעם טרויער, וואָס האָט זיך אײַנגעגעסן אין די קאַרבן פֿון איר פּנים און זי זאָל מיט לבנה אויפֿן אָרעם, ווי מיט אַ העלער קרוג אַוועגשפּרײַזן און דאָרשטיקע, וואָס זי וועט אויפֿן וועג באַגעגענען — אָנטרינקען!

באָהיניאַ

ווען אַזאַ בוים וואַקסט ניט אויף אַן אמת — וואָלט מען אים געדאַרפֿט אויסטראַכטן.

באָהיניאַ, באָהיניאַ, דײַנע ריחות און קאָלירן — קאָנען פֿאַרפֿירן!
פֿאַר וואָס זענען דײַנע געבליטן ווײַס און לילאַ־בלוי?!

— שיינקייט קאָן אַ מאָל אַראָפּפֿירן פֿונעם גלײַכן וועג אָבער מען מעג, מען מעג זיך סטרויען און קליידן — פֿאַרשיידן.

ווײַס די בלום — ווי ווײַס עס איז דער אָטעם פֿון גאָט איבער דער ערד, ערב־טאָג. ווײַס — ווי דער ערשטער גלעט פֿון אַ פֿריען שטראַל. ווי דאָס געפֿיל ווען דו שענקסט זיך אַוועק מיט אַלץ וואָס דו האָסט. אָן אַ פֿאַר ווען און אָן אַ פֿאַר וואָס. ביז שיכּרות פֿון חושים. ביז ניט צו ווערן.

לילאַ־בלוי — דאָס איז אויסניכטערונג. דאָס איז פֿאַרשטיין און באַנעמען און זיך שעמען פֿאַר יונגער העזה. פֿאַר לעבן אָן חשבון און ניט באַמערקן, אַז הינטערן פּלויט פֿון זומער דער קבֿרן, האַרבסט — וואַרט און וואַרט.

דערווײַלע טוען זיך די ריחות מערן און דאָס בליעכץ — פֿונאַנדער־וויקלען, פֿונאַנדערציקלען מיט לילאַ־בלויער רײַפֿקייט.

— צו וואָס דאַרפֿסטו אַזוי פֿיל בלעטער־הערצלעך, באָהיניאַ!

אויף לויבן די זון. אויף דאַנקען דעם רעגן. אויף שפּרייטן אַ שאָטן פֿאַר קליינע קינדערס וועגן. אויף מיטפֿילן דעם ווינט, וואָס האָט ניט קיין היים. אויף תּפֿילה צו טאָן מיט מורא און ציטער, אַז גאָט זאָל אונדז אויסהיטן פֿון האָגל און געוויטער!

ווען אַזאַ בוים וואַקסט ניט אויף דער וואָר — וואָלט מען אים געדאַרפֿט אויסקלערן.

צו דער מידבר־שטילקייט

אין דרויסן איז געווען ווינטיק און כמורנע.

אינעם חדר־האוכל פֿון דער מיליטערישער באַזע האָבן געברענט אַלע עלעקטרישע לעמפּ. די פֿאַרקאָפּטשעטע שויבן האָבן ווי פֿאַרהאַלטן דאָס טאָגליכט.

עטלעכע שווערע באָמבאַרדירערס האָבן אויפֿגעשטאָכן דעם הימל, אַדורכגעריסן זיך דורך די וואָלקנס און דערבײַ געמאַכט אַזאַ רעש, אַז די שויבן האָבן אויפֿגעציטערט ווי עס ציטערט אויף אַ מענטש ווען ער בלײַבט שטיין פּנים־אל־פּנים פֿאַר אַן אומגעריכטער סכּנה.

אַ מנין זעלנערס איז געזעסן אויף לאַנגע, הילצערנע בענק בײַ עטלעכע צונויפֿגערוקטע טישן. אַן ערנסטקייט פֿון אַלטע לײַט איז געווען אויס־געגאָסן אויף זייערע פּנימער. אַ יונגער מיליטערישער רב האָט צו זיי גערעדט. אַ מידע שטילקייט איז געהאַנגען אין דער לופֿט און זיך געוויקלט אַרום די עלעקטרישע לעמפּ.

דער רב האָט זיי אויפֿגעקלערט וואָס מען וועט דאַרפֿן טאָן בײַם אַרויס־העלפֿן דער ספּעציעלער קאָמאַנדע וואָס זוכט און קלײַבט אויף די רעשטן פֿון די געפֿאַלענע צה״ל־זעלנערס אין מידבר סיני.

דורך דער אָפֿגעלענטער טיר האָט דער ווינט אַרײַנגעווייעט עטלעכע פֿאַרטריקנטע בלעטער.

דורך דער אָפּגעלענטער טיר האָט דער טויט מיט אַ קאַלט מויל און מיט טרוקענע פֿינגער זיך פּאַמעלעך אַרײַנגעשאַרט און זיך געשטעלט הינטער די פּלייצעס פֿון די זיצנדיקע.

דורך דער אָפֿענער טיר איז אַ פֿייגעלע אַרײַן און בהלהדיק אַרויס־געפֿלויגן. דער צעמענטענער דיל איז געווען אויסגעשײַערט און פֿײַכט. דער

גומענער שלאַנג, מיט וועלכן מען האָט אין דער פֿרי באַגאָסן דעם דיל, איז איצט געלעגן צונויפֿגעדרייט בײַ דער וואַנט, לעבן קראַן. עמעצער האָט דעם קראַן ניט אַזוי גוט צוגעמאַכט, איז פֿון אים גערונען אַן אומאויפֿהערלעכער, דינער שטראָם. לעבן וואַנט איז געוואָרן אַ וואַסערל. העכער, איבערן קראַן, איז געהאַנגען אַ קאָלירטער פּלאַקאַט אויף וועלכן מען האָט געזען אַ פּאָר פֿאַרמאַכטע ליפּן און אַ ווײַזפֿינגער האָט זיך צו זיי צוגערירט. די ליפּן זענען געווען רויט. דער ווײַזפֿינגער — רויט. בלויז דער אויפֿשריפֿט אונטער דער צייכענונג "זעלנער פּלאַפּל ניט — דער שונא הערט!" האָט געהאַט אַ שוואַרצן קאָליר. דער פּלאַקאַט פֿון דער וואַנט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער לוזשע אויפֿן דיל און אויך פֿון וואַסער האָט געוואָרנט אַ רויטער פֿינגער.

דער רב האָט גערעדט וועגן געפֿאַלענע וואָס זייערע גופֿים ליגן נאָך אַלץ ערגעץ דאָרט פֿאַרשרפֿעט אין די שטאָלענע אינגעווײדן פֿון אַ צעשמעטערטן טאַנק, אָדער אויף אַנדערע ערטער, אין אַנדערע ווינקלען פֿונעם אומענדלעכן, זאַמדיקן שלאַכטפֿעלד פֿון דער יום־כּיפּור־מלחמה.

דער רב האָט גערעדט וועגן קדושת־המת און ניט געפֿילט ווי זײַן לשון איז געוואָרן אַ שפּאָר ביסל מליצהדיק:

— איצט — האָט ער געזאָגט צו די חיילים — איצט וועט אײַך אויסקומען ווידער צו זײַן אין יענע מקומות ווו איר האָט געקעמפֿט. דאָס מאָל גייט איר דאָרט מיט אַן אַנדער שליחות. ס'וועט אײַך אויסקומען צו וואַנדערן אויף מײַלן און מײַלן ביז אײַערע פֿיס וועלן זיך דערגרונטעווען צו דער סאַמע טיפֿעניש פֿון דער מידבר־שטילקייט און דאָרט זוכן און דאָרט נישטערן דאָס, וואָס ערשט ניט לאַנג האָט עס געהייסן לעבן...

דער רב איז אַנטשוויגן געוואָרן. די זעלנערס האָבן צערוקט די בענק און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. דער חדר־האוכל האָט זיך אויסגעליידיקט. געבליבן זענען בלויז די עטלעכע פֿאַרטריקנטע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט אַרײַנגעווייעט דורך דער אָפּגעלענטער טיר. דער רויטער ווײַזפֿינגער אויף די רויטע ליפּן און דער קאַלטער הויך פֿונעם טויט, פֿון וועלכן אַלע לעמפּ זענען אויסגעגאַנגען.

"MEMENTO MORI"

מאָטטאָ:
און אַז משה־לייב, דער פּאָעט, וועט דערציילן,
אַז ער האָט דעם טויט אויף כוואַליעס געזען,
אַזוי ווי מען זעט זיך אַליין אין אַ שפּיגל,
און דאָס אין דער פֿרי גאָר, אַזוי אַרום צען —
צי וועט מען דאָס גלייבן, משה־לייבן?

משה־לייב האַלפּערן

פֿונעם ים, אַ זייגער צען אין דער פֿרי, איז דער טויט אַרויסגעקומען. דער ווײַסער שוים פֿון אַ צעדולטער כוואַליע האָט אים געבראַכט צו טראָגן. אַ זייגער צען אין דער פֿרי, אין חודש יולי, ווען די זון האָט זיך שיער ניט צעשמאָלצן פֿון איר אייגענער היץ, איז ער אַרויס אויפֿן פֿײַכטן זאַמד פֿון ברעג. אינעם לאַץ — אַ בלום. אויף די הענט — ווײַסע הענטשקעס. פֿון קאָפּ ביז פּיס — אַ פֿראַנט. אַפֿילו אַ שפּאַציר־שטעקן געהאַלטן אין דער האַנט. דער גאַנצער ים־ברעג איז פֿול געווען מיט נאַקעטע לייבער. נאָר ער, דער טויט, איז פֿאַרקנעפּלט געווען ביזן לעצטן קנעפּל. בלויז איך האָב אים באַמערקט און דערקענט. איך און אַ קליין ייִנגעלע וואָס האָט מיט התמדה געבויט פֿאַר זיך אַ טונעל אינעם פֿײַכטן זאַמד. דאָס ייִנגעלע האָט אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג. איך האָב מורא געהאַט די אויגן אויפֿצוהייבן און אים רעכט אָנקוקן: טאָמער וועל איך געניזוקט ווערן? טאָמער וועט דאָס פֿײַער, וואָס פֿלאַקערט אין זײַנע בליקן, אונטערצינדן מײַן געדעכעניש און כ׳וועל אויפֿגיין ווי אַ קרבן־עולה פֿאַר דער צײַט אָן רויך און אָן אַ פֿלאַם?

כ׳בין געווען אַליין צווישן די הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם ברעג. צווישן אָט דער פֿריילעכער, אָפּגעברענטער, צעפּילדערטער מענטשן־מאַסע האָט דער, מיטן בלום אין לאַץ, מיך אָפּגעזוכט. אָפּגעזוכט און געגעבן סמנים, גערופֿן מיך מיטן שטעקן. כ׳האָב ניט געוואָלט גיין צו אים און ניט געקאָנט אַנטלויפֿן פֿון אים. בין איך געשטאַנען. דער מרחק צווישן אונדז איז געבליבן ווי געווען. בלויז די זון האָט זיך אַ רוק געטאָן, אָפּגעשטעלט און ווידער זיך גערוקט.

אפֿשר האָט ער גאָר מיך ניט געמיינט, געוואָלט נאָר כ׳זאָל ניט דערציילן אַז כ׳האָב אים, דעם טויט, געזען אַ זייגער צען אַרויסגיין פֿונעם ים בײַם רוישנדיקסטן ברעג אין דער וועלט? ווער ווייסט?

קליינע שפּליטערס פֿון דער גרויסער מלחמה

קליינע שפּליטערס פֿון דער גרויסער מלחמה

1

אַ יונגע מאַמע צעהענגט אויף שטריקווינדעלעך וויַיסע. ווינדעלעך וויַיסע. ווערט דער טאָג העלער און הייסער. העלער און הייסער.

אַ ווינטל פֿאַרקלײַבט זיך צווישן צײַטיק קאָרן. אַ ווינטל שאָרכעט אויס דעם ניגון פֿון שניט. דעם ניגון פֿון שניט.

פֿאַר נאַכט קומען אָן די קי פֿון פּאַשע און ס׳פֿאַלט אַ ראָסע. ערגעץ שאַרפֿט שוין דער טויט זײַן קאָסע. דער טויט זײַן קאָסע.

ערגעץ קנוילן זיך שוין געשרייען און געבעטן און דער הימל פֿלאַקערט אויף פֿון ברעג צו ברעג.

דערווײַלע נאָך עסט מען וועטשערע בײַ ליכטיקע טישן. מ׳שמועסט נאָך אַ ביסל וועגן געוועטעניש, יקרות און נאָענטסטן יריד. מע בענטשט און מע לייגט זיך זאַטע אין די בעטן. אין די בעטן. און קיינער הערט ניט ווי דער ווינט פֿײַפֿט אויס אין קוימען זײַן קלאָגעדיק ליד. זײַן קלאָגעדיק ליד.

2

אַ יונגע מאַמע וויגט דעם טויט אין אירע אָרעמס. שוין וואָכן לאַנג ניט געהאַט אין מויל קיין לעפֿל וואַרעמס. שוין וואָכן לאַנג ניט געביטן קיין העמד.

אָן דעם מאַן און קינד איז דאָס דאָרף איר ווילד און פֿרעמד. זינגט זי אַ וויגליד דעם טויט וואָס זי האַלט אויף די הענט.

אַ לײדיקער עמער אויף אַ קייט איבערן שוואַרצן מויל פֿון אַ ברונעם לאָזט אַ טרער נאָך אַ טרער.

אַן אָפּגעזוינגטער פֿויגל וואָס האָט זײַן נעסט ניט געפֿונען פֿליט צעדולט אַהין און אַהער.

אַ קו האָט געמפּלט פֿון שרעק און לעקט אַרום דאָס טויטע קעלבל.

אַ פֿרעמדער גראַבלט און זוכט שפּײַז צווישן די חורבות פֿונעם דאָרפֿישן געוועלבל.

עס הייבן זיך שטיקער סאַזשע און פֿליען לאַנגזאַם אין די רוימען.

ניטאָ שוין קיין בריקל, קיין דעכל, קיין רויך פֿון אַ קוימען. קיין שפּור פֿון אַ קוימען.

3

דרייען זיך, דרייען ביימער אין רעגן און מיט זיי דרייט זיך אַ הויז נאָך אַ הויז.

אין מיטן פֿונעם געדריי שנײַדט זיך דורך אַ געלעכטער. עמעץ שרײַט: וועכטער, וועכטער!

פֿון אַ מויער טיילט זיך אָפּ אַ געשטאַלט. די שטאָט איז איר פֿרעמד און קאַלט. פֿינצטערע קאָרידאָרן זענען די גאַסן. שוואַרצע נעסטן — הײַזער שטומע. דער ווינט הערט ניט אויף צו ברומען.

ערגעץ הילכט אָפּ אַ שאָס. אַ שאָס און אַ געשריי.

ס'האָט דער טויט נעצן געשפּונען און אין די נעצן אַרײַנגענומען דאָס געלעכטער, דעם וועכטער, דעם שאָס און דאָס געשריי און זיי געלאָזט אינעם זעלבן געדריי פֿון ביימער, פֿון הײַזער, פֿון רעגן און גאַסן. פֿון ביי—מער, פֿון הײַ—זער, פֿון רע—גן און גאַ—סן.

וויפֿל איז דאָס אַ קורצע צײַט

צו ערשט איז געווען דער טאַטע. די מאַמע. דאָס ברודערל פֿון אַכצן חדשים. די שטוב מיט געראַניום און פֿיקוס אויפֿן באַלקאָן; מושלינענע פֿאָרהאַנגען; אַ קליאַטקע מיט קאַנאַריקעס; אַ שטייזייגער מיט אַ מעשענעם אומרו און מעשענע קייטלעך און געוויכטן; מיט צוויי פּאָרטרעטן אויף דער וואַנט, פֿונעם זיידן און פֿון דער באָבען, דער מאַמעס עלטערן.

צו דעם אַלעם — אַ קאַץ וואָס איז שוין געווען זייער אַלט און זי איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען.

און געוועזן בין איך, די וואָס דערציילט דאָס אַלץ — אַ מיידעלע וואָס איז דעמלט אַלט געווען פֿינף יאָר.

איז אויסגעבראָכן די מלחמה. זענען געקומען דײַטשן. האָט מען געמוזט אָנטייען אויף די אַרבל ווײַסע לענטעס מיט בלויע מגן־דודס. אין טעפּל איז שיטערער געוואָרן די גריץ און אויפֿן טיש — קאַרגער דאָס ברויט.

די קליאַטקע מיט די קאַנאַריקעס זענען די ערשטע אַוועק. דערנאָך האָט זיך אָפּגעטראָגן דער הויכער שטייזייגער מיטן מעשענעם אומרו און מיט אים: דער יום־טובדיקער סערוויז און די פּאָטעלן. אַ טייל פֿון דער מאַמעס צירונג. דעם טאַטנס ווינטערדיקער פֿוטער. די פּליושענע קאָלדרעס.

שפּעטער האָט מען צוגענומען דעם טאַטן. געהייסן האָט עס אַז מען שיקט אים אויף אַרבעט און מער האָט מען שוין פֿון אים ניט געהערט.

געבליבן זענען שטומע ווענט, אַ פֿאַראומערטער טיש, די צוויי פּאָרטרעטן פון זיידע־באָבע, אַ האַלב־ליידיקע שאַפּע, אַ האַלב־בלינדע קאַץ און געבליבן איז די זאָרג און די שרעק פֿאַרן גורל פֿונעם טאַטן, וואָס מען האָט פֿאַרכאַפּט אין מיטן גאַס און מען האָט ניט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען.

די קאַץ האָט מער שכל געהאַט פֿון אַלעמען. אין איינעם אַ פֿרימאָרגן האָט זי מער ניט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און שוין און אויס מיט דער קאַץ.

ס'איז אויך געקומען די ריי אויף אונדזערע דריַ צימערן מיט דער קיך און באַלקאָן. מען האָט אונדז פֿון דאָרט אַרויסגעוואָרפֿן און געשיקט אין געטאָ אַריַין. אין דער אויסגעליידיקטער דירה האָט צום לעצטן מאָל אָפּגע־הילכט דער עכאָ פֿון אונדזערע טריט. פֿונעם באַלקאָן האָבן די געראַניום־בלימעלעך אונדז אַראָפּבאַגלייט צו דער גאַס מיט רויטע, פֿאַרוויינטע אויגן.

אויף אַ האַנטוועגעלע האָט די מאַמע געפֿירט אַ ביסל וועש, מלבושים, אַ קליינע עמאַליענע וואַנע צום באָדן דאָס ברודערל, אַ ביסל געפּעס, עטלעכע טעפּ, עטלעכע שטולן און די צוויי פּאָרטרעטן פֿון זיידע־באָבע.

אויף איין האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס ברודערל און מיט דער צווייטער געשטופּט דאָס וועגעלע. אויך איך האָב געשטופּט דאָס וועגעלע. די רעדלעך האָבן זיך ניט אַזוי לייַכט געוואָלט אָפּרייַסן פֿונעם ברוק און אַוועקרעדלען צום וויַיטלעכן טייל פֿון שטאָט, צו די עטלעכע פֿאַרצוימטע געסלעך און גאַסן. ערשט מיט דער הילף פֿון אַ שכנס ייִנגל האָט דאָס וועגעלע נאָכ־געגעבן און אונטערשפּרינגענדיק אויף די ניט גלייַכע שטיינערנע קעפּ זיך ווי ניט איז דערשלעפּט צום געטאָ.

*

אין געטאָ האָט זיך קוים אָפּגעזוכט עפּעס אַ קעמערל אין אַ קעלער. צום בלינדן קעלער האָבן געפֿירט פֿיַכטע טרעפּ. די טרעפּ האָבן געקרעכצט און געזיפֿצט ווי יעדער טראָט וואָלט זיי ווי געטאָן.

אין קעמערל האָבן מיר געפֿונען בלויז איין מעבלשטיק — אַ צעפּאָרענער אַלמער מיט אַן אַרויסגעריסענער טיר. דער צעמענטענער דיל איז געווען פֿול מיט גריבלעך. די ווענט מיט שימל און לישייען. צו די פֿאַרקאָפּטשעטע שיַיבלעך האָט קיין זונשטראַל ניט דערגרייכט. דאָס טאָג־ליכט איז געווען אַזוי בצימצום ווי דאָס באָנע־ברויט.

דורך די שיַיבלעך האָט מען בלויז געזען שיך פֿון די דורכגייער. אַ גאַנצן טאָג — שיך. הין־און־צוריק, הין־און־צוריק — שיך: געשנורעוועטע מענער־שיך און פֿרויען־שיך אויף הויכע קנאַפּל; אָפּגעטראָגענע, אויסגע־קרימטע און פֿאַרשטויבטע שיך; שיך אונטערגעהאַלטענע פֿון דראָט זיי זאָלן

זיך ניט צעפּאַלן און הילצערנע וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַ טומל בײַם גיין; אַלערליי קינדער־שיכלעך און סתּם באָרוועסע פּיס.

אַ קאָכאייוועלע האָבן מיר געהאַט אין קעמערל, איז עס געווען פֿאַרשטאָפּט און בײַם צושטעלן אַ ביסל געקעכץ האָט זיך דער חלל גלײַך אָנגעפּילט מיט שטיקער סאַזשע און מיט רויך.

דער וואַסערקראַן האָט זיך געפֿונען אין קאָרידאָר און מען האָט געדאַרפֿט טראָגן עמערס וואַסער פֿאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך און אויף אַרומוואַשן זיך. די מאַמע האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ טיפֿוס. זי האָט זיך געהאַלטן ריין און דאָס ברודערל און מיך אָפֿט געבאָדן און געביטן אונדז די וועש.

פֿאַר די באַדערפֿענישן האָט מען געמוזט קלעטערן אַרויף צום הויף. דאָס ערגסטע איז געווען ווען מען האָט באַקומען בויכווייטאָג אין מיטן נאַכט און מען האָט געמוזט גיין איבער די נאַסע, פֿינצטערע, צעטרייסלטע טרעפּ. די נשמה האָט זיך מיטגעטרייסלט פֿאַר שרעק. מען האָט געריבן אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע, נאָר דאָס איז געווען אַן אָפּנאַרן זיך. די שטשורעס האָבן זיך פֿאַר די שוועבעלעך־אויפֿבליצן ווינציק וואָס געשראָקן. זייער געטופּ, זייער פּישטשעריי און זייער ריח האָט ניט אָפּגעלאָזט.

דער מאַמעס הענט האָבן זיך ניט געלייגט עפּעס צו טאָן. זי האָט ניט געוווּסט פֿון וואָס פֿריער אָנצופֿאַנגען: אויפֿשטאָפּן דעם אויוון; אָפּקראַצן די בלאָטע פֿון די שיַיבלעך; אָפּשייַערן די ווענט און דעם דיל, אָדער גיין זוכן עפּעס אַן אַרבעט (ווו מען גיט אויך אַ טעלער זופּ), ווײַל ס׳איז שוין באַלד ניט געווען וואָס צום פֿאַרקויפֿן.

די מאַמע האָט ניט באַוויזן רעכט צו פֿאַרדייַען דאָס געפֿינען זיך מיט די קינדער אין דעם קעלערדיקן קבֿר, ווי דער זיידע מיט דער באָבען, אירע עלטערן, האָבן זיך געיאָוועט און מיר האָבן געמוזט מיט זיי זיך טיילן מיטן קעמערל. זיי זענען געקומען צו אונדז ווײַל מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פֿון זייער קליין שטעטעלע.

אין מייַנע אויגן האָט עס אויסגעזען ווי ניט פֿונעם קליינעם שטעטל זענען זיי צו אונדז געקומען, נאָר פֿון אונטער דעם הינקענדיקן אַלמער, ווו די מאַמע האָט געהאַט פֿאַרשטופּט די צוויי פֿאָרטרעטן. אויפֿן וועג פֿון אונטערן

אַלמער ביז צום מיט קעמערל האָט דער זיידע אָנגעווירן די פּריצישע וואָנסן און די באָבע — דאָס גוידערל און די אויערינגלעך.

צוליב דער גרויסער ענגשאַפט אינעם קעמערל, האָב איך ניט איין מאָל געטראַכט: ווי גוט וואָלט געווען ווען דער זיידע מיט דער באָבען געזעגענען זיך מיט אונדז, גייען אַרונטער הינטער דעם אַלמער און שפּרייַזן צוריק אַריבער די פּאָרטרעטן־ראַמען. ערשט דאַן נעמט די מאַמע אַרויס די פּאָרטרעטן און הענגט זיי אויף אויף דער וואַנט. זיידע־באָבע קוקן ווידער אַראָפּ פון די בילדער ווי אין די אַלטע, גוטע צייַטן מיט די אַמאָליקע מילד־צעשמייכלטע אויגן און מיר דאַרפן ניט מער פאַרשפּרייטן נאָך צוויי מאַטראַצן אויפן פּיצעלע דיל.

דער זיידע מיט דער באָבען האָבן זיך אָבער ניט צוגעהערט צו מייַנע טראַכטענישן און געבליבן מיט אונדז.

*

די מאַמע מיט דעם ברודערל אויף די הענט איז געלאָפן יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער אָרט צו בעטן הילף אַז מען זאָל אויסגעפינען דאָס אָרט ווו מען האָט דעם טאַטן פאַרשלעפּט. מען האָט איר צוגעזאָגט מיט אַ האַלב מויל אָבער אַ גאָלדן רינגל, וואָס זי האָט דעם מאַכער אַרייַנגעשטופּט פאַר זייַן טרחה, איז גענומען געוואָרן מיט אַ פולער האַנט.

די באָבע איז געווען פּראַקטישער פון דער מאַמען. זי האָט גענומען באַקן לאַטקעס פון קילעריבנס מיט אַזאַ טונקל־ברוינער מאַסע וואָס האָט זיך געצויגן ווי האָניק און איז געווען איבלדיק זיס. מיט אַ פאַרדעקטן טאָפּ לאַטקעס האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן און געסלעך און גערופן מיט אַ הויל קול:

— קויפט פרישע, געשמאַקע לאַטקעס, הייסע לאַטקעס. היימישע, פאַרמלחמהדיקע לאַטקעס!

איר קול האָט זיך אויסגעמישט מיט די פילצאָליקע שטימען פון אַנדערע גאַסן־הענדלער. ס׳איז געווען מער טומל ווי פּדיון.

לויט איר עלטער איז די באָבע נאָך געווען גאַנץ רירעוודיק און אונטער־נעמעריש. זי האָט אויסגעפונען צענדליקער המצאות ווי זיך אַרויסצודרייען פון אַלע געפאַרן און פורעניותן וואָס האָט געלויערט ביי יעדן ראָג פון גאַס.

דער זיידע, דאַגעגן, האָט ווי פֿאַרלוירן דאָס לשון. מ׳האָט געזען ווי ער גייט איין. ער האָט מורא געהאַט אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ און זיך געשראָקן פֿאַר יעדן שאָרך:

— רעדט שטילער — האָט ער זיך געבעטן מיט אַ שעפּטש — מאַכט ניט קיין רעש.

*

נעבן אונדזער פֿענצטערל האָט מען אַוועקגעלייגט אַ מת. דעם גוף, וואָס איז צוגעדעקט געוואָרן מיט אַ צייטונג, האָט מען דורך די שייבלעך ניט געזען, אָבער די געלע קנאָכן מיט די צעקרימטע פֿינגער האָבן מיט זייער טויטער שטייפֿקייט פֿאַרפּולט דאָס פֿענצטערל און ס׳איז אָפּגעהאַקט געוואָרן די באַוועגונג פֿון דער גאַס. די אַלע לעבעדיק־צעשפּרייזטע פּיס פֿון די מענטשן זענען מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן. אפֿשר זענען די אַלע פּיס גאָר מגולגל געוואָרן אין אָט די צוויי קנאָכן און דאָס וועלן מיר שוין שטענדיק זען דורך די שייבלעך, ווי נאָר מען וועט עפֿענען פֿאַרטאָג די אויגן?

ס׳האָט זיך מיר געדוכט אַז דאָס פֿענצטערל וועט ניט אויסהאַלטן דעם דרוק. די צוויי פּיס וועלן זיך אַרייַנרייַסן אינעם קעמערל און אונדז אַלע אָפּסמען מיטן ריח פֿון טויט.

צוויי, צי דריי טעג איז דער געשטאָרבענער אַזוי געלעגן אויף דער זומערדיקער היץ ביז מען האָט אים אָפּגערוימט.

אויף יענעם אָרט זענען דערנאָך אַ לאַנגע צייט אַרומגעקראָכן ווייסע ווערעם.

*

דאָס ברודערל איז אַלט געוואָרן צוויי און אַ האַלב יאָר און איך — זעקס. אַ יאָר שוין ווי מיר האָבן זיך געפֿונען אין געטאָ און אַנדערטהאַלבן — ווי מען האָט דעם טאַטן צוגענומען.

ניט איין מאָל האָבן אונדזערע שייבלעך אויפֿגעציטערט ווען פֿון גאַס האָבן אָפּגעהילכט טעמפּע קלעפּ, זידלערייען, יללות. האַרטע שטיוול־טריט האָבן אָן רחמנות צעטראָטן יעדעס געבעט און געשריי.

כ׳האָב מיט מײַנע זעקס יאָר שוין פֿאַרשטאַנען אַז אונדזער קעמערל איז אַזוי אומזיכער ווי עס איז די הפֿקרדיקע גאַס.

ס׳האָט מיך געצויגן צו דער מאַמעס פֿאַרטעך. כ׳האָב זיך נאָך מער געקלאַמערט און געטוליעט צו דער מאַמען. כ׳בין איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. אַפֿילו בײַ נאַכט האָב איך זי געוואָלט פֿילן נעבן זיך. ס׳האָט מיך פֿאַרדראָסן וואָס ניט איך נאָר דאָס קליינע ברודערל איז געשלאָפֿן אין אירע אָרעמס. כ׳בין אים מקנא געווען וואָס ער איז נאָך אַזוי קליין און איך בין שוין אַ ״גרויס מיידל״, ווי די מאַמע פֿלעגט מיך רופֿן ווען כ׳האָב זיך צו פֿיל געפּיעשטשעט, אָדער זיך אויפֿגעפֿירט ניט אַזוי ווי עס דאַרף צו זײַן.

*

איין מאָל האָט די מאַמע געזאָגט צום ״גרויסן מיידל״ אַז עס וועט קומען אַ פֿאַני פֿון יענער זײַט דראָטן און די פֿאַני וועט זי מיטנעמען צו זיך אויף אַ קורצער צײַט.

די פֿאַני איז אַן איידעלע און אַ גוטע. זי וועט זי באָדן, קעמען און פֿלעכטן איר די צעפּלעך. זי וועט מיט איר גיין צו אַ קאַרוזעל, אַזוי ווי דער טאַטע האָט דאָס געטאָן אַמאָל (געדענקסט עס, מײַן קרוין? ביסט נאָך אַזאַ פּיצעלע געווען. אַ פּעטינקע אַזאַ מיט חן־גריבעלעך). די פֿאַני וועט זי אַרויפֿזעצן אויף אַ פֿערדל, מוזיק וועט שפּילן, די קאַרוזעל זיך דרייען, דאָס פֿערדל קרײַזן און די פֿריילעכע טענער פֿונעם שפּילקאַסטן וועלן מיט־קרײַזן.

די פֿאַני וועט מיט איר פֿאָרן אויסער דער שטאָט, אין דאָרף אַרײַן און זי וועט איר דאָרט ווײַזן וואָס עס איז אַזוינס גראָז און בלומענבייטן. ווי עס זעען אויס אמתע ביימער און קי. עכטע קי וואָס גיבן מילך און ניט געמאָלענע אין ביכלעך. זי וועט דאָרט טרינקען וואַרעמע מילך מיט אַ שוימל און עסן ברויט צו דער זעט. זי וועט זיך דאָרט טרעפֿן מיט קינדער אין איר עלטער. זיך שפּילן מיט זיי און ניט מורא האָבן אַז די לײַז פֿון יענע וועלן אַריבערקריכן צו איר. לײַז ברענגען — האָט די מאַמע צוגעגעבן — דעם טיפֿוס און פֿון טיפֿוס קאָן מען חס וחלילה שטאַרבן.

דאָס ״גרויסע מיידל״ האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון דער מאַמעס מויל. די אויגן האָבן זיך איר אַזש צעגלאַנצט פֿון דעם אַלעם וואָס די מאַמע

האָט איר דערציילט און צוגעזאָגט. באַלד האָט זיך דער גלאַנץ אויס־געלאָשן:

— מאַמע, וויפֿל איז דאָס "אַ קורצע צײַט"?!

די מאַמע האָט זיך ניט גערייכט אויף אַזאַ פֿראַגע און פֿון צעטומלטקייט ניט אַזוי גיך געענטפֿערט. דאָס "גרויסע מיידל" האָט ניט אָפּגעלאָזט. מיט דער ערנסטקייט און אומרו פֿון אַ דערוואַקסענעם מענטש ווידער געפֿרעגט:

— וויפֿל איז דאָס "אַ קורצע צײַט"?!

די מאַמע האָט געשטאַמלט:

— אַ קורצע צײַט, מײַן קינד, ווי דאָס דיר זאָגן, אַ קורצע צײַט איז ניט אויף לאַנג. מ'האָט אונדז צוגעזאָגט אַ בעסערע דירה. אפֿשר וועט דער טאַטע צוריקקומען. כ'וועל דיך אָפּט באַזוכן.

די באָבע האָט בעתן געשפּרעך צווישן מאַמע און קינד אונטערגעהאַלטן דער מאַמעס רייד. געזאָגט אַז כ'בין "הויט און ביינער" און די פֿרישע לופֿט און דאָס בעסער עסן "וועלן אויפֿטאָן וווּנדער".

דער זיידע האָט געפֿינטלט מיט די אויגן און ווי זײַן שטייגער, געבעטן זיך:

— רעדט שטילער. וועקט האָבן אויערן.

ער האָט זיך וואָס ווײַטער אָפּגערוקט, אויף וויפֿל דאָס חושכדיקע קעמערל האָט דערלויבט זיך אָפּצורוקן. גענומען עפּעס אַן אויסגעפּעצט ספֿרל און אין דעם פֿאַרשטאָכן די אויגן.

דער איינציקער וואָס האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט און בכלל ניט פֿאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פֿאָר און וועגן וואָס מען רעדט, איז געווען דאָס ברודערל. ער איז געלעגן גאָר, גאָר שטיל אויף דער מאַמעס בעט און גענאָגט אַ שמאַטקע אין וועלכער עס איז שוין פֿון לאַנג ניט געווען קיין סימן פֿון אַ ביסל צוקער, ווי ער וואָלט נאָך געווען אַ זויגלינג און ניט אַ קינד פֿון צוויי און אַ האַלב יאָר.

נאָך אַזאַ תּשובה פֿון דער מאַמען האָט שוין דאָס "גרויסע מיידל" מער ניט געפֿרעגט. דערווײַלע זענען אַוועק עטלעכע טעג.

די מאַמע האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער פּאַני פֿון יענער זײַט דראָטן. עס האָט זיך געדוכט אַז אַלע האָבן וועגן דעם פֿאַרגעסן און דאָך איז

די פֿרעמדע פֿרוי געקומען אין אַ פֿאַרכמורעטן אָוונט און דאָס "גרויסע מיידל" מיטגענומען.

די מאַמע האָט זיך מיט דער פֿרוי געסודעט. גערעדט צו איר מיט אַ שעפּטש. זי האָט שווער געאָטעמט. געאײַלט זיך ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז זי קאָן חלילה פֿאַרלירן, אָדער פֿאַרגעסן דאָס וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן דער פּאַני. די פֿרוי האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו דער מאַמעס פֿליסטערן און געשוויגן. בלויז פֿון צײַט צו צײַט האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אונטערצושטרײַכן אַז זי פֿאַרשטייט אין וואָס עס האַנדלט זיך. די מאַמע האָט געקראָגן רויטע פֿלעקן אויפֿן פּנים. איר אָטעם איז געוואָרן האַסטיקער. זי האָט זיך אַרויסגעהאָלפֿן מיט די הענט כּדי די פֿרוי זאָל זי בעסער פֿאַרשטיין וואָס זי מיינט און וואָס זי וויל.

דער זיידע מיט דער באָבען האָבן זיך געמאַכט שלאָפֿנדיק.

דאָס ברודערל האָט זיך אויפֿן צעמענטענעם דיל געשפּילט מיט אַן איבערגעקערטער שטול, געמאַכט פֿון דעם אַ באַן און געפֿאָרן אין דער וועלט אַרײַן.

דאָס "גרויסע מיידל" איז געשטאַנען ווי אַ זײַטיקע. ווי ניט איר מיינט מען דאָס. זי האָט געקוקט מיט אויפֿגעריסענע אויגן און געדריקט צו זיך מיטן גאַנצן כּוח דאָס פּעקעלע וואָס די מאַמע האָט איר צוגעגרייט — — —

— — — זי האָט זיך שפּעטער געוואָלט דערמאָנען דאָס צעשיידן זיך מיט דער מאַמען, מיטן ברודערל וואָס איז פֿאַרטאָן געווען אין דער שפּיל מיט דער אומגעקערטער שטול, מיט זיידע־באָבע וואָס האָבן זיך געמאַכט שלאָפֿן, אָדער שוין אויף אַן אמת געשלאָפֿן. זי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען נאָר אין זכּרון איז געווען אַ נעפּל:

האָט זיך די מאַמע צו איר אַראָפּגעבויגן און זי אַרומגענומען, אָדער אַראָפּגעבויגן און בלויז אויסגעגלײַכט איר דאָס קעלנערל? זי געדענקט ניט.

אפֿשר האָט זיך די מאַמע צו איר בכלל ניט דערנענטערט נאָר געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק און געוואַרט אַז זי מיט דער פֿרוי זאָלן אַוועק־גיין?

און אפֿשר גאָר ווען די פֿאַני איז מיט איר געווען שוין בײַ דער טיר, האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן דאָס פּעקעלע, צוגעלאָפֿן צו דער מאַמען, אָנגעכאַפּט זי בײַ די קני און זיך צעכליפּעט:

— כ׳וויל ניט, כ׳וויל ניט!

זי געדענקט בלויז דעם קוויטש פֿון דער טיר בעת זי האָט זיך צוגעמאַכט הינטער איר. דעם רעש פֿונעם רעגן אויף דער אויסגעלײדיקטער, נאַכטיקער גאַס און די פֿאַניס וואַרעמע הענט אויף אירע קאַלטע באַקן.

דער קאָמפּאַס

אין וואַרשע דער שטאָט. אין אַ גוייִשער געגנט. אין איינעם פֿון די הייף. אויף קאַלטע טרעפּ פֿון אַ פֿאַראומערט הויז, איז אַ קינד פֿונעם געטאָ געזעסן. אַ קינד אין עלטער פֿון — — — שווער צו זאָגן, ווײַל דורך די געטאָ־יאָרן, האָט אים דער הונגער איבערגעפֿורעמט, געמאַכט די אויגן גרויס און גרעסער און דעם גוף — דאַר און דאַרער ביז די הויט איז אים געוואָרן ווי בײַ אַ בר־מינן.

דאָס ייִנגעלע האָט דעם קאָפּ געהאַלטן אַרײַנגענומען צווישן די אַקסל. אָנגעטאָן אין זײַנע שמאַטעס האָט ער אויסגעזען אויפֿן טרעפּל ווי אַן אָפּגעקילט בערגל אַש פֿון וועלכן עס האָבן זיך נאָך געזשאַרעט בלויז צוויי האָלעוועשקעס — די אויגן. די אײַנוווינער פֿון דעם אָפּגעשיילטן הויף, וואָס זענען אין דעם ווינטיק־שנײַיקן פֿאַרטאָג, פֿונעם צווייטן אָקופּאַציע־יאָר, אַראָפּ־און־אַרויפֿגעגאַנגען די טרעפּ, האָבן צו ערשט ניט געמאַכט זיך זען אָט דאָס "בערגל". אַוועקגעדרייט די קעפּ ניט צו פֿילן די משונהדיקע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון זײַנע צעפֿליקטע בגדים. ווען זיי קאָנען זיך פֿון אים אָפּטרייסלען, ווי זיי האָבן אָפּגעטרייסלט דעם שניי פֿון זייערע שיך און קליידער, בײַם אַרײַנגאַנג אין הויז און ער זאָל ניט ווערן פּונקט ווי דער שניי איז ניט געוואָרן, וואָלט געווען לײַכטער פֿאַרבײַצוגיין. מ'האָט געוואָלט ער זאָל נעלם ווערן, אָבער מען האָט ניט געהאַט קיין האַרץ דעם קליינעם זשידעק אַרויסטרײַבן צו דער קעלט און צום זשאַנדאַרם.

די שעהען האָבן זיך אומגייטיק און שווער אַוועקגערוקט. עס איז שוין געוואָרן אין גאַנצן טאָג. אַן אויסגעמאָגערטער און דערשראָקענער טאָג וואָס איז געקומען פֿאַרבײַטן אַ נאַכט פֿון רעוויזיעס, פֿון אַרעסטן, פֿון פֿאַר־קלאַפּטע אויטאָ־בודעס וואָס האָבן אַוועקגעפֿירט די געכאַפּטע מענער אין אַן אומבאַקאַנטן ערגעץ פֿון וואַנען מען קומט מער ניט צוריק.

דער נײַער טאָג האָט אַדורכגעזיפּט זײַן קאַרג און מוטנע ביסל ליכט דורכן פֿאַרוואָלקנטן הימל. דער הימל איז געלעגן נידעריק איבער די דעכער און פֿון זײַנע טונקל־גרויע קנוילן האָט זיך דער שניי געשיט אָן אַ מאָס. די רויע ווענט פֿון דער גרויער קאָמעניצע האָבן פֿון דער ווײַסקייט אויסגעזען נאָך מער אָפּגעלאָזן, נאָך מער מעלאַנכאָליש און דאָס שווײַגנדיקע באַשעפּעניש פֿון געטאָ איז נאָך אַלץ געזעסן אויפֿן הויז־טרעפּל.

עס האָבן זיך באַוויזן די קינדער פּונעם הויף. דערזען דאָס נפֿשל, זענען זיי שוין פֿון אים ניט אָפּגעטראָטן. צו ערשט האָבן זיי זיך געהאַלטן פֿון אים אַ ביסל ווײַטער, צו ביסלעך איז דער האַלבקרײַז אַרום דעם געטאָ־קינד געוואָרן ענגער און רעשיקער און הײַטערער. אַ שיקסל אָט זיך צעשריען:

— זעט נאָר, ווי אויסגעדאַרט דאָס איז!

אַן אַנדערע האָט פֿאַרחידושט צוגעגעבן:

— און ווי דורכזיכטיק די הויט!

עמעצער האָט אים געוואָלט אַ שטורכע טאָן, האָט אים אַ גרעסער ייִנגל אָפּגעשטופּט:

— ריר זיך ניט צו! ווילסט כאַפּן אַ טיפֿוס?!

דאָס פֿריערדיקע שיקסל האָט זיך ווידער אָנגערופֿן:

— ער האָט מסתּמא לײַז!

די אַנדערע האָט דערגאַנצט:

— און אַ פּאַרך!

אַלע אַרום האָבן זיך צעלאַכט.

דאָס ייִנגעלע אויפֿן טרעפּל האָט נאָך מער אַרײַנגענומען דעם קאָפּ צווישן די אַקסל. מער זיך צוגערוקט צו דער וואַנט.

אַ פֿרוי איז אַרויסגעקומען פֿון אַ שטוב מיט אַ בעזעם און מיט אַ קוויטש:

— אויסגעריסן זאָלט איר ווערן! ממזרים! וואָס ווילט איר פֿונעם אומגליקלעכן קינד? גאָט האָט אײַך נאָך צו ווינציק געשטראָפֿט?! לאָזט אים אָפּ און צעגייט זיך!

מער פֿון אירע געשרייען האָט געווירקט דער בעזעם. ס'איז געוואָרן שיטערער און צו לעצט איז דאָס קינד אויפֿן טרעפּל ווידער געבליבן אַליין.

אַן אַלטער קריסט מיט צוויי שווערע וואָנסן און מיט אַ שווערן אָטעם, וואָס האָט אַראָפּגעטראָגן אַן עמער מיסט פֿונעם פֿערטן שטאָק, האָט זיך בײַם קינד פֿאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע און אים אָנגעקוקט מיט באַדויער. אַ פֿרוי מיט אַ קאָשיק קוילן איז געקומען פֿון גאַס און אויפֿהייבנדיק זיך איבער די טרעפּ האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן אַ זיפֿץ. עמעצער האָט לעבן קינד אַוועקגעלייגט אין אַ פּאַפּירן שקאָרמעצל אַ ביסל אָפּגעקאָכטע קאַשע. דער קליינער האָט עס ניט אָנגערירט. ביז איינע פֿון די פֿרויען האָט זיך ניט געקאָנט מער אײַנהאַלטן און געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס עסטו ניט?

דאָס קינד פֿון געטאָ האָט זיך ניט אָנגערופֿן.

— ווו איז דײַן מאַמע?

— כ'ווייס ניט — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן.

— ווי רופֿט מען דיך?

— רחמיאל.

— וואָס ווילסטו?

ער האָט געשוויגן.

— פֿון וואַנען קומסטו?

ער האָט ניט געענטפֿערט.

ווען די פֿרוי האָט זיך שוין פֿון אים געוואָלט דערווײַטערן, איז דער קליינער אויפֿגעשפּרונגען, אַראָפּגענומען פֿונעם קאָפּ דאָס צו גרויסע היטל און פֿון אונטער דער פּאָטשעווקע אַרויסגענומען אַ מטבע און געשטופּט אין דער פֿרויס הענט אַרײַן:

— זאָל מיר די פּאַני פֿאַרקויפֿן אַ קאָמפּאַס. כ'וויל גיין צום זיידן קיין לוקאָוו און כ'ווייס ניט דעם וועג. די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט צו גיין צום זיידן, איידער מען האָט זי צוגענומען. זאָל מיר די פּאַני פֿאַרקויפֿן אַ קאָמפּאַס!

— וואָס פֿאַר אַ קאָמפּאַס ווילסטו, קינד?! קיינער האָט דאָ ניט קיין קאָמפּאַס. ס'איז אָקופּאַציע. מ'האָט קוים וואָס צו עסן!

דאָס קינד האָט זי אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַ צערודערטן בליק. אַ טויטע מידקייט האָט זיך צעלייגט איבער זײַן אויסגעבלייכט פּנים. אַ רעזיגנירטער האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפֿן טרעפּל. די קליינע, אויסגעדאַרטע

הענט צונויפֿגעקוועטשט אין אַ פֿויסט און אַ סקאָוווטשע געטאָן:

— מאַמע — — —

דערשראָקן זיך פֿאַרן אייגענעם קול, האָט ער מיט די זעלבע הענט פֿאַרשטאָפּט זיך דאָס מויל.

די פֿרוי האָט זיך טיף, טיף אַראָפּגעבויגן צו דעם ייִדישן ייִנגעלע און אין אים אַרײַנגערעדט ווי מען רעדט אַרײַן אין אַן איינזאַמען קבר אויף אַ פֿאַר־וואָרלאָזטן בית־עלמין:

— אָרעם קינד. ווו געפֿינט מען דיר אַ קאָמפּאַס, ווען גאָט אַליין האָט אים פֿאַרלוירן?

שרעטעלעך

דער טישלאָמפּ, איך און דער שאָטן.

דער שאָטן און די שטילקייט פֿון דער נאַכט.

די שטילקייט פֿון דער נאַכט, די פּען און דאָס פּאַפּיר.

ס'האָט זיך געהערט אַ פֿאַראיינצלטער זשום פֿון אַ פֿליג. אויך זי האָט ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. די פֿליג, דער זייגער און איך האָבן געפּראַוועט חצות.

די האַנט האָט געזוכט די פּען. די פּען — דאָס פּאַפּיר. אויפֿן ווײַסן פֿלאַך פֿון פּאַפּיר האָט די האַנט אָנגעצייכנט מיט בלויע אותיות דאָס וואָרט — וואַלד.

האָבן זיך צווײַגן צעוויגט. בלעטער — צעשאָרכט. ס'האָט פֿאַרשמעקט מיט זשיוויצע און רומניאַנעק. פֿייגל זענען געשפּרונגען פֿון צווײַג צו צווײַג. געפֿלויגן צום וואַסער־קוועלכל, צו די העזלעך אין די נאָרעס, צו די יאַגעדעס אויף די נידעריקע קוסטלעך אָנצוזאָגן, אַז וואַלד איז צוריק וואַלד ווי געווען.

די שרעטעלעך האָבן אין זייערע שוואָמען־הייזקעס דערהערט, אַז אין דרויסן רודערט זיך עפּעס, באַוועגט זיך עפּעס. מען צוויטשערט דאָרט און מען יובלט, האָבן זיי פֿענצטערלעך צעעפֿנט, טירעלעך אויפֿגעפּראַלט און זייערע לאַנגינקע בערדעלעך אַרויסגעשטעקט צו דערגיין וואָס אַרום זיי קומט פֿאָר.

ס'איז געווען אין מיטן טאָג. די זון האָט זיך געשפּילט מיט דיביימער אין באַהעלטעניש. דער גרינער פּליוש פֿון מאָך אַרום די ביימער־שטאַמען און די אויסגעטריקנטע שיכטן סאָסנע־נאָדלען האָבן אײַנגעזאַפּט מײַנע טריט.

די שרעטעלעך האָבן מיך באַמערקט. די עלטערע פֿון זיי האָבן מיך אַפֿילו דערקענט. זיי זענען פֿון אונטער די שוואָמען־דעכלעך אַרויס־געשפּרונגען און מיך אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן. מ׳האָט מיך אַרומ־געטאַפּט, ווי ניט געגלייבט זיך וואָס די אויגן זעען, אַז דאָס בין איך טאַקע אויף אַן אמת צוריקגעקומען גאַנץ און ניט באַשעדיקט. מען האָט מיך געגלעט און געצערטלט ווי כ׳וואָלט נאָך אַ קינד געווען און ניט געוווּסט ווו מיך צו באַזעצן. מ׳האָט אַרום מיר געטאַנצט און געזונגען:

בײַ דײַן בעטעלע,
שטייט אַ שרעטעלע,
אַ שרעטעלע
און וואַכט איבער דײַנע
חלומות.

— שרעטעלעך, קאַרליקלעך, וואָס רעדט איר, וואָס זינגט איר?! — האָב איך צו זיי גערופֿן אַ געריירטער פֿון קבלת־פּנים — דרויבעלעך מײַנע, איר זעט דען ניט די גרוי געוואָרענע האָר און דעם נומער אויפֿן האַנט־געלענק?!

— מיר זעען, מיר זעען!

האָבן די שרעטעלעך געענטפֿערט אין אַ כאָר. דער עכאָ פֿון וואַלד האָט איבערגעחזרט:

— מיר זע—ע—ן, זע—ע—ן!

איין שרעטל, אַן אַלטינקס אַזאַ מיט אַ בראָדעווקע אויפֿן שפּיץ נעזל, אָנגעלענט אויף אַ שטעקעלע, אַ שפּענדעלע, האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון דער עדה. דער פֿריילעכער געפּלויש פֿון דעם יונגוואַרג האָט זיך איבערגעריסן, אויס דרך־ארץ צום גרײַזעלע וואָס וויל דאָ מסתּמא עפּעס זאָגן. די ביימער האָבן זיך צונויפֿגערוקט. דאָס ווינטל — זיך פֿאַרהאַלטן. די פֿייגל האָבן אויפֿגעהערט זייער טרילערן. די העזלעך מיט די פֿײַכטע נעזלעך זענען אַרויס פֿון די נאָרעס, געצויגן מיט די אויערן און זיך דערנענטערט צום געזעמל, כּדי בעסער צו הערן וואָס דער עלטסטער פֿון די קאַרליקלעך וועט דערציילן. אַפֿילו דאָס קוועלעכל האָט פֿון דער ווײַטן דעם געלויף פֿון זיינע וואַסערלעך געצוימט.

— אין יענע צײַטן, קינדערלעך — האָט דער אַלטיטשקער אָנגעהויבן צו רעדן. מ׳האָט אים קוים געהערט. ער האָט גערעדט צו די פּאַרזאַמלטע און געקוקט אויף מיר — אין יענע צײַטן ווען די גאַסן אײַערע זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מויער און וואַכפּאָסטנס האָבן געהיט דאָס טויער און דו ביסט נאָך אַ קינד געווען, אַ קינד אָן שיך און אָן ברויט מיט אַ מאַמע, אַן אלמנה, האָבן מיר דיך געוואָלט אין וואַלד אַרײַן ברענגען, אין וואַלד אַרײַן נעמען, זאָלסט אויף אַ הוידלקע זיך וויגן, יאַגעדעס קלײַבן, שישקעס זוכן און זיך יאָגן נאָך אַ וועווריק, אַ ניסל. געוואָלט, און ניט באַוויזן. שווער געווען די לאַסט פֿאַר אונדזערע שרעטלדיקע פּלייצעס, פֿאַר אונדזערע וואַלדיקע גופּימלעך. די גאַסן האָבן שוין געברענט. די הײַזער האָבן שוין געקראַכט. מיר זענען געשטיגן איבער לאָמע לייטערס, געגידערט איבער קרומע טרעפּ, פֿון בוידעמס צו קעלערס, פֿון קעלערס צו שטאָקן און מיר האָבן דיך ניט געפֿונען. מיט אָפּגעבריטע פֿינגער, אָפּגעזענגטע ברעמען, פֿאַרטשאַדעטע, פֿאַרסאַפּעטע האָבן מיר צווישן אַש און רויך קוים געפֿונען אַ וועג וואָס האָט געפֿירט פֿון די חרובע גאַסן צום פֿעלד און פֿון פֿעלד צו אונדזערע שטיבלעך אונטער די שוואָמען־דעכלעך.

דאָ האָט זיך דער זקן אָפּגעשטעלט. געמאַכט אַ לענגערע פּויזע. ער האָט דעם טריבן בליק פֿון מיר אַראָפּגענומען און אים אַריבערגעפֿירט אויף די פֿאַרזאַמלטע. ס׳רוב פֿון זיי זענען שוין געווען פֿון נײַערע דורות. צי גלייבן זיי אין דעם וואָס ער שילדערט. צי באַנעמען זיי מיט זייער שרעטלדיקער תּמימותדיקייט וואָס מענטש האָט צו מענטש געטאָן אין יענע פֿינצטערע יאָרן? האָט זיך דער אַלטיטשקער געטראַכט. אַזוי ווי קיינער האָט זיך ניט אויפֿגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען, קיינער האָט די שטילקייט ניט איבער־געריסן, האָט דער זקן זיך אַראָפּגעזעצט מיט אַ קרעכץ אויף אַ שטיינדל און ממשיך געווען דאָס דערציילן:

— שפּעטער האָט דאָס שלעכטס אויך צו אונדזער וואַלד דערגרייכט. אונדזערע שטיבלעך צעטראָטן און די פֿייגל אויסגעראָטן. דאָס קוועלעכל פֿאַרפּעסט און פֿאַרשליימיקט און דעם וואַלד אויסגעביימיקט.

דאָס גרײַזעלע האָט זיך אונטערגעהויבן פֿונעם שטיין און פּאַמעלעך, אָנגעלענט אויפֿן שטעקעלע צוגעהינקט צו מיר. מיט אים האָבן זיך אויך די שרעטעלעך דערנענטערט און מיך אַרומגענומען מיט אַ לעבעדיקער רייף

פֿון לויטער גוטסקייט. דער אַלטינקער האָט צו מיר אויפֿגעהויבן זײַן געטרײַען בליק און געזאָגט:

— איצט, אַז דו ביסט דאָ, דער וואַלד — דאָ און מיר זענען דאָ, איז לייג דײַן גרויען קאָפּ אויף אונדזערע קני און מיר וועלן דיך פֿאַרוויגן ביז דו וועסט אַנטשלאָפֿן ווערן, ביז עס וועלן אָפּטריקענען אויף דײַן פּנים די לעצטע טרערן. לייג דײַן מידן קאָפּ. די אויגן מאַך צו. איז איי־ליו־ליו — זונעניו. איז איי־ליו־לי — זונעשי. איי־ליו־ליו. איי־ליו־לי — — — —

די האַנט האָט געזוכט די פּען. די פּען — דאָס פּאַפּיר. אויפֿן ווײַס פֿון פּאַפּיר האָט געבלויִקט ביזן שפּראָץ פֿון טאָג — דער וואַלד.

ליפּע

דער גרויסער הילצערנער צלם מיט צעשפּרייטע אָרעמס בײַם צעווייקטן וועג, וואָס האָט געפֿירט אין שטעטל אַרײַן, האָט מיט די לעצטע כּוחות זיך געהאַלטן אויפֿן אָרט, אונטער דער לאַסט פֿון די נידעריק־הענגענדיקע, אָנגעדראָלענע כמאַרעס.

די ביימער לענג־אויס דעם וועג האָבן זיך געטרייסלט פֿון קעלט און נעץ. אַלע שטעטלדיקע שויבן זענען געווען פֿאַרוויינט.

אַ האַרבסטיקער ווינט האָט געווילדעוועט, אָנגעפֿאַלן אויף דעכער, געריסן לאָדנס, אומגעוואָרפֿן פּלויטן. צום סוף האָט ער דעם גאַנצן כּעס און צאָרן אויסגעלאָזט צו די קוימענס, דורך זיי אַרײַנגעוווּיעט אין די הײַזער מיט אַזאַ געוווי, ווי עמעצער וואָלט אים דאָרטן אויף די דעכער געקוילעט.

דער זעלביקער ווינט וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שטעטל מיט אַזאַ מאויםדיקן אימפּעט און ירגזון, דער זעלביקער ווינט האָט אויך אים, ליפּען, אַהער פֿאַרטראָגן, ווי אַ שטרוי, אַ זעמדל, אַ שפּענדל, און אים געלאָזט צווישן די געסלעך פֿון שטעטל. אַ ייִדיש שטעטל אָן ייִדן.

סימנים אַז עס האָבן דאָ אַ מאָל געלעבט ייִדן האָט מען נאָך געקאָנט געפֿינען אויף די בײַשטידלעך פֿון די טירן, ווו די מזוזות זענען געווען צוגעקלאַפּט, און אויפֿן האַלב־צעגנומענעם, ווילד־פֿאַרוואַקסענעם בית־הקברות.

ער האָט זיך געדרייט אין שטעטל, גאַס־אײַן, גאַס־אויס. די פֿאַרהאַנגען אין די פֿענצטער, די גאַניקעס פֿון די הײַזער, דער מאַרקפּלאַץ — האָבן אים געשטאָכן. די לאַמטערנס האָבן אויסגעזען ווי תּליות און די שטיינער פֿון ברוק — ווי מענטשלעכע שאַרבנס.

גוט און היימיש איז אים געווען נאָר אופֿן בית־הקברות. דאָרטן, צווישן די מצבות און ווילדע קריַיטעכצער, האָט ער געפֿונען אַ קעמערל צו שלאָפֿן. מיט די מצבות האָט ער געהאַט וואָס צו שמועסן, וואָס צו דערציילן.

די מענטשן אין שטעטל האָבן אויף אים געקוקט ווער מיט ביטול און ווער מיט באַדויער, ווער מיט גליַיכגילט און ווער מיט אַרויסגעוויזענער אָדער באַהאַלטענער שינאה.

געווען אויך אַזעלכע וואָס ס'איז זיי באַפֿאַלן אַ פחד ווען זיי האָבן אים געזען אויפֿן בית־הקברות־פֿעלד, אָנגעשפּאַרט אָן אַ מצבה, מיטן קאָפּ צוגע־דריקט צום שטיין. אַ פֿאַרגליווערטער אַ שטומער צער האָט אים אַרומ־געוועבט. ער האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן שטיין און געוואָרן מיט אים איינס.

מען האָט אים געזען טראָגן אַן עמער וואַסער צו זיַין קעמערל, אַ שייטל האָלץ, געזען אים עסן שטייענדיק, בחיפּזון, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן אַז עמעצער קאָן אים דעם ביסן אַרויסריַיסן פֿון מויל.

זומערציַיט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין ציווילע הויזן און אַ מיליטערישער בלוזע; ווינטער — אין אַ קורצן מאַנטל, פֿון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשטאַרצט אַ פּאָר פֿאַרלאָפֿענע רויטע הענט און אַן אויס־טאַטוירטער נומער אויפֿן רעכטן אָרעם.

ווען עס האָבן זיך געשטעלט די שווערע פֿרעסט האָט אים עמעצער געשענקט אַן אַלט פּעלצל און אַ פֿוטערן היטל. ער האָט ניט אָפּגעזאָגט, גענומען, אָבער געטראָגן האָט ער בלויז די קליידער אין וועלכע ער איז אַהער געקומען.

ער האָט געהאַט אַ נידעריקן שטערן און צוויי רויטע, איבער־געוואַקסענע אויערן. דאָס לינקע אויג זיַינס האָט ער געהאַלטן פֿאַרמאַכט און מ'האָט נישט געוווסט צי דאָס איז פֿון געווינטשאַפֿט, אָדער צוליב אַ פּגם.

אין די ערשטע טעג האָט אים נאָך ווער אָפּגעשטעלט און געפֿרעגט:

— ווי הייסטו?

ער האָט אויפֿגעציטערט, ווי ער וואָלט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ אויסטערלישער שאלה, און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— ליפּע.

דערנאָך זענען געקומען אַנדערע שאלות, וואָס האָבן אים נישט ווינציקער צעטומלט:

— פֿון וואַנען קומסטו?

— פֿון אומעטום.

— ווי אַלט ביסטו?

— עלטער ווי כ׳בין.

נאָך אַזעלכע ענטפֿערס האָט מען אים שוין גאָרנישט מער געפֿרעגט. די מענטשן האָבן אויסגעמיטן זײַן בליק. ווען ליפּע עפֿנט דאָס לינקע אויג, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן פֿאַרמאַכט, וואָלטן זיי דאָרטן, אינעם שפּיגל, דערזען דאָס פֿײַער און דעם רויך וואָס ער האָט אײַנגעזאַפּט אין יענע יאָרן פֿון דער שׂרפֿה. ליפּע האָט עס מיטגעבראַכט אַהער אויפֿן דנאָ פֿון זײַן שוואַרצאַפּל.

מען האָט אים גענומען אויסמײַדן, ווייכן פֿון זײַן קעמערל אויפֿן בית־הקברות. דער גלח האָט אַפֿילו געזאָגט אַז ליפּע איז אויך גאָטס אַ באַשעפֿעניש און מען דאַרף זיך צו אים באַציִען מענטשלעך.

ווי לאַנג מען האָט געקניט, געפּרעפּלט תּפֿילות, ווי לאַנג די גלעקער האָבן געקלונגען האָט דעם גלחס "מען דאַרף" געקלאַפּט צוזאַמען אין איין ריטם מיט די הערצער פֿון די גלייביקע, וואָס האָבן אויסגעפֿילט דעם זונטיקדיקן קלויסטער ביז איבער די ברעגן. ווען מען איז זיך אָבער צעגאַנגען איבער די הײַזער, איז דאָס מענטשלעכע געפֿיל אויך זיך צעגאַנגען און ס׳איז געבליבן בײַם זעלבן: ליפּע איז אַ פֿרעמדער. ער איז אַ דערמאָנונג, וואָס די מענטשן האָבן געוואָלט אַרויסרײַסן פֿון זייער זכּרון. זיי האָבן נישט געוואָלט ער זאָל זען דאָס מעבל אין די שטיבער, די כּלים, די מלבושים. ליפּע איז אַ בייזער חלום, פֿון וועלכן מער דאַרף זיך וואָס גיכער אָפּטרייסלען.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געשווירן, אַז פֿון ליפּעס קעמערל הערט מען אָפּט, אויך אין מיטן העלן טאָג, משונהדיקע קולות, כאָרכלערייען און געשרייען, אַ נויענדיק קלאָגעניש אויסגעמישט מיט אַ חסר־דעהדיק געלעכטער.

ליפּע האָט אויף אַ פּיצל באָדן אַרום זײַן קעמערל פֿאַרפֿלאַנצט בלומען. געוואָלט מיט זיי אַ קאַפּעלע אויפֿהעלן די גרויקייט פֿון די שטיינער. געוואָלט אָט דער אײַנגעשוויגענער ערדה, וואָס רינגלט אים אַרום מיט עפּעס־

וואָס באַשײַנען. די אויפֿגעגאַנגענע בלומען זענען אָבער פֿאַרשוואַרצט געוואָרן. זיי האָבן זיך געטרייסלט און געבויגן, ווי די ערד וואָלט זיי ווײי געטאָן, ווי די לופֿט וואָלט זיי געשטיקט, און אַזוי אײַנגעבויגן און אויס־געקרימט זענען זיי אויסגעגאַנגען פֿאַר דער צײַט.

אין איינעם אַ טאָג איז ליפּע נעלם געוואָרן, ווי אַ שטרוי, ווי אַ זעמדל, אַ שפּענדל. בלויז די שטומע בליקן פֿון די פֿאַרזונקענע מצבות מיט די פֿירקאַנטיקע אותיות האָבן אים אַרויסבאַגלייט און די הויכע ווילדגראָזן האָבן זיך טרויעריק־באַנג צעשאָרכט.

אין קעמערל איז געבליבן דער עמער, די האַק, דאָס נאַפּטלעמפּל, דאָס אײַזערנע אייוועלע מיט רערן, דער שטרויזאַק און אַן עקבערנדיקע בענקעניש נאָך עפּעס וואָס איז דאָ געווען און וועט זיך שוין קיין מאָל נישט אומקערן.

בלויז אין די נעכט האָט מען צו מאָל געקאָנט הערן ווי דער ווינט שעפּטשעט און פֿרעגט:

— ווי הייסטו?

— ליפּע.

— פֿון וואַנען קומסטו?

— פֿון אומעטום.

— ווי אַלט ביסטו?

— עלטער ווי איך בין.

אַן עכאָ פֿון די טונקעלע וועלדער האָט אָפּגעקלונגען: עלטער ווי איך בין, עלטער ווי איך בין, עלטער ווי איך בין...

נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן

די לופֿט איז געווען הייס און שטויביק. די זון האָט געהאַלטן בײַם אַראָפּ־זינקען. יונגע טעכטער זענען אָנגעקומען צו דער נידער שעפּן וואַסער. דער ייִד וואָס האָט זיך מתבודד געווען, געלעבט אין אַ בײַדל פֿון ברעטער און סכך, האָט נאָכגעפֿאָלגט זייערע באַוועגונגען.

די בעדויִנישע פֿרויען און מיידלעך האָבן שוין געקענט דעם ייִד מיט די אײַנגעפֿאַלענע באַקן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען און גערעדט צו זיך אַליין. זײַן געפֿינען זיך בשכנות מיט זייערע געצעלטן האָט מער ניט דערוועקט קיין נײַגער. אַפֿילו זייערע אויסגעמאָגערטע הינט האָבן שוין אים ניט נאָכגעיאָגט און געהאַוקעט ביז הייזעריקייט.

פֿונעם זאַמדיקן טומאַן אַרויס האָט זיך באַוויזן אַ לאַנגע שורה מיט קעמלען. טראָט־בײַ־טראָט האָבן זיי געשפּאַנט, באַלויכטענע מיט דער רויטקייט פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון.

אַ באַיאָרטער מאַן אין אַ לאַנגן, אויסגעשוויצטן בגד האָט די קעמלען געפֿירט, האָט זיי פֿאַרהאַלטן און זיי געמאַכט קניען האַרט בײַם ברונעם.

פֿון צווישן די יונגע בעדויִנערינס האָט זיך איינע אָפּגעטיילט און אַנטקעגן געגאַנגען דעם פֿאַרעלטערטן מאַן מיטן קײַלעכיקן גרױלעכן בערדל, אין וועמענס אויגן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פֿאַרנאַכט.

דער אַלטער האָט זיך אָנגערופֿן און צו איר געזאָגט:

— בייג אײַן, איך בעט דיך, דײַן קרוג און לאָמיך טרינקען.

דאָס מיידל האָט אים אָפּגעענטפֿערט:

— טרינק וויפֿל דײַן האַרץ גלוסט! אויך דײַנע קעמלען וועל איך אָנפּוּיען.

די האָט גיך אַרונטערגעלאָזט די כּלי פֿון איר אַקסל אויף דער האַנט און געגעבן אים צו טרינקען. דערנאָך איז זיווידער אַראָפּ אָנשעפּן וואַסער אויף אָנצופֿילן די שטיינערנע קאָרעטע, ס'זאָל סטייען פֿאַר אַלע בהמות.

און עס איז געווען, ווי נאָר די קעמלען האָבן געשטילט דעם דאָרשט, אַזוי האָט דער מאַן אַרויסגענומען פֿון אונטער דעם ברייטן גאַרטל אַ גאָלדענעם נאָזרינג און איר געשאָנקען. דאָס מיידל האָט זיך צעטומלט און הינטערוויילעכץ אָפּגעטראָטן צו די שוואַרצע געצעלטן.

דערווײַלע האָט זיך דער מאַן געניײַגט און געבוקט צו דער זײַט ווו די זון איז נאָר וואָס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און געפּרעפּלט אַ שטילן לויב און דאַנק פֿאַר דעם מיפּולן, לאַנגן וועג וואָס איז אַדורך אָן מכשולים, פֿאַרן פֿאַרנאַכטיקן ווינטל וואָס האָט אים געקילט דעם שטערן.

ווי ער בוקט זיך אַזוי און מורמלט אַזוי, האָט זיך די יונגע בעדויִנערין ווידער באַוויזן און מיט איר עמעץ וואָס לויטן אָנבליק און לויטן עלטער האָט ער אויסגעזען צו זײַן איר ברודער.

די שעפּערינס, וואָס זענען אַרויפֿגעקומען פֿון ברונעם, האָבן זיך פֿאַרהאַלטן. אַראָפּגעשטעלט די כּלים מיטן וואַסער בײַ זייערע באָרוועסע פֿיס און אָנגעשטעלט די אויערן. דער וואָס האָט אויסגעזען ווי דער ברודער פֿונעם מיידל, האָט זיך אָנגערופֿן צום מאַן וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן די קניִענדיקע חיות בײַ דער וואַסער־קאָרעטע אַזוי צו זאָגן:

— אַ לויב צו גאָט און צו זײַן נביא וואָס האָט אונדז אַ גאַסט צוגעשיקט. מיר האָבן אויפֿגעראַמט דאָס געצעלט און אַן אָרט פֿאַר דיר און פֿאַר דײַנע קעמלען פֿאַרגרייט.

דער אַלטער האָט אויפֿגעשטעלט די קעמלען און מען איז אַוועק צו די געצעלטן. די וואַסער־שעפּערינס האָבן פֿון אונטער די שוואַרצע טיכער זיי באַגלייט מיט אַ שמייכל.

ערשט ווען די מענטשן און די חיות זענען אַרײַן צווישן די שוואַרצע לײַוונטן פֿון די געצעלטן און צווישן די צווײַגן־געפּלאָכטענע פֿאַרצוימונגען האָבן די שעפּערינס אַ הייב געטאָן די כּלים און איטלעכע איז זיך געגאַנגען איר וועג צו איר געצעלט, צו איר משפּחה.

די וואַסער־שעפּערינס זענען אַוועק, אָבער דער ייִד מיט די איַין־געפּאַלענע באַקן, וואָס האָט אויף זיך גוזר געווען אָפּצוקומען זיַין געשענקט ביסל לעבן אין דער וויסטעניש, איז געבליבן. ער איז געבליבן און ניט אַראָפּגעלאָזט אַן אויג פֿון דעם בילד אינעם אויסגייענדיקן ליכט פֿון טאָג, געקוקט ווי דער יונגער בעדויִנער און מיט אים די אַנדערע מאַנצבילן האָבן צוגעבונדן די מידע בהמות צו די פּלעקלעך פֿון דער פֿאַרצוימונג, ווי זיי האָבן אַראָפּגענומען פֿון די הויקערדיקע רוקנס דאָס געפּעק און דערלאַנגט דעם גאַסט וואַסער צום וואַשן די פֿיס, איידער מען האָט זיך געזעצט צום אָוונט־מאָלציַיט.

דאָס אָקערשט געזעענע האָט אינעם ייִד אויפֿגערויעט אַ שלל מיט דערינערונגען פֿון די חדר־יאָרן: דעם רבינס שטוב. ייִנגלעך לערנען חומש. דורך די שויבן קוקט אַריַין אַ טריבער פֿרימאָרגן. לאַנגע בענק. הוילער טיש. צעפֿנטע חומשים. דער רבי האַלט דעם ספֿר, אָבער ער קוקט אין אים ניט אַריַין. ער זאָגט דעם פּסוק פֿון אויסנווייניק און איז אים מסביר מיט זיַין פּישטשענדיק, כּמעט וויַיבעריש קול, הגם זיַין אויסזען איז גאָר ניט וויַיבעריש.

— הַגְמִיאִינִי נָא מְעַט מַיִם מִכַּדֵּךְ — בייג איַין, איך בעט דיך, דיַין קרוג און לאָמיך טרינקען ———

דער זכּרון האָט אים לאַנג ניט געלאָזט זיך פֿאַרהאַלטן ביַים רבינס הַגְמִיאִינִי נָא און אים צוריקגעשלעפּט צו אַן אַנדערן מידבר, פֿון וועלכן ער האָט זיך קוים געראַטעוועט. מיט לייַב און לעבן איז ער נאָך אַלץ געווען צוגעבונדן צו יענער פּוסטקייט, צו יענער שטויב־אַשיקער וויסטעניש פֿון מענטשנלייַב און ציגלבראָך.

אין יענעם מידבר האָבן קיין קעמלען ניט געשפּרייַזט. קיינער איז ניט אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ טראָפּן וואַסער איַינצונעצן די אָפּגעברענטע ליפּן. דער פּחד האָט געשטאָכן אין די אויגן. מ׳האָט זיך געשראָקן פֿאַרן אייגענעם טראָט. פֿאַרן אייגענעם שאָטן. געשאַרט זיך איבער הייכן און נידערס, הייכן און נידערס וואָס נעכטן, אייערנעכטן זענען דאָס געווען היַיזער, הייף און מענטשן...

די פֿאַרהילטע פּרויען. דער ברונעם אין דער נידער. די פֿאַרשוואַרצטע געצעלטן האָבן זיך צונויפֿגעמישט אין זײַן צעפֿיבערטן מוח מיט די רויִנען פֿון געטאָ.

קאָן דען געמאָלט זײַן, אַז ווען עס האָט דאָרט, בײַ דער ווײַסל, אין יענע פֿרילינג־טעג, אין יענער וואָך פֿון פּסח גאָס נאָך גאָס, דאַך נאָך דאַך געקראַכט און געזונקען. ווען מען האָט דעם בונקער אויפֿגעריסן צוזאַמען מיט זײַן ווײַב און קינדער. און ער אין די פֿינצטערע קאַנאַלן, אין שמוץ אײַנגעטונקען אויף אַלע פֿיר געקראָכן איז, האָבן דאָ ווי אין די צײַטן פֿון די אבות קעמלען געשפּאַנט אַזוי פּאַוואָליע, מיט אַזוי פֿיל מעלה־גרהדיקער רו. מיט פּעק און זעק אויף די הויקערס און וואַסער־שעפּערינס זענען צום ברונעם געגאַנגען. און שאַ, און שטיל. ניט קיין קול פֿון דער ערד. ניט קיין בת־קול פֿונעם הימל?!

און איצט, בעת ער האָט אויפֿסנײַ דערפֿילט דעם בראַנד פֿון יענע טעג אין זײַנע ביינער, האָט זיך פֿון זײַן האַלדז געריסן אַ געשריי:

— אָ קעמלען, נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן!

דאָס געשריי איז אים געבליבן שטעקן אין קעל.

די נאַכט האָט זיך ווי צוגעאײַלט און דעם גאַנצן מידבר אײַנגעזאַפּט אין זיך. אַן אומגעהײַערע פֿינצטערניש האָט זיך צעשפּרייט הינטער אים און פֿאַר אים און איבער אים. בלויז שטערנפֿונקען האָבן צו אים געווונקען פֿון די הימלהייכן און אים געפֿירט פֿון ערגעץ צו ערגעץ דורך ערגעץ — בלויז שטערנפֿונקען.

״זיי״

א

״זיי״ האָבן מיר ניט געקאָנט מוחל זײַן וואָס כ׳בין פֿון גאַזקאַמער צוריק צום לעבן געקומען. כאָטש ס׳זענען שוין פֿאַריבער עטלעכע צענדליק יאָר נאָך דער מלחמה האָבן ״זיי״ מיך אָפּגעזוכט. אָפּגעזוכט און אַרײַנגעשטופּט אין אַן אויטאָ, פֿאַרבונדן די אויגן, פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל און מיך אַוועק־געפֿירט צום ״געריכט״.

פֿונעם אויטאָ האָבן ״זיי״ מיך געשלעפּט איבער טרעפּ. אַ סך טרעפּ. דערנאָך איבער קאָרידאָרן. טירן האָבן זיך מיט רוגזה געעפֿנט און פֿאַרקלאַפּט.

ווען מען האָט מיר אויפֿגעבונדן די אויגן און אויפֿגעשטאָפּט דאָס מויל, האָב איך זיך געפֿונען אין אַ גרויס צימער. דאָ האָבן ״זיי״ מיך געהייסן זיצן און וואַרטן ביז מען וועט מיך רופֿן. פֿאַרן פֿאַרשליסן די טיר האָבן מיך צוויי פֿאַרשוינען צוגעהאַלטן בײַ די אָרעמס און אַ דריטער האָט מיך באַזוכט. זייערע פּנימער זענען געווען פֿאַרשלאָסן, אָן וועלכן עס איז אויסדרוק. ״זיי״ האָבן בײַ מיר צוגענומען די פּאַפּיראָסן, דאָס זייגערל, דעם פּאָרטמאָנעט און די דאָקומענטן. בײַם נעמען די דאָקומענטן האָב איך זיך אינסטינקטיוו אַ ריס געטאָן. די צוויי, וואָס האָבן מיך צוגעהאַלטן בײַ די אָרעמס, האָבן מיך מיטן גאַנצן כּוח צוריקגעשלעפּט, אַז די געלענקן האָבן אַזש אַ קנאַק געטאָן. אַפֿילו די פּילן, מיט וועלכע כ׳האָב זיך ניט צעשיידט פֿון זינט דעם צווייטן האַרץ־אַטאַק, האָבן ״זיי״ מיר ניט איבערגעלאָזט.

איך בין געווען אַליין אין צימער, נאָר ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז מען קוקט צו מיר פֿון אַלע זײַטן, אַז מען הערט זיך אַפֿילו צו צו מײַנע מחשבות.

אין צימער איז געווען אַ פֿענצטער, כ׳האָב אָבער קיין כּוח ניט געהאַט אויפֿשטיין, צוגיין, אַרויסקוקן און זען ווו איך געפֿין זיך.

די צײַט האָט זיך געשלעפּט. די אָרעמס האָבן ווײ געטאָן און אַראָפּגעשווערט. דאָס זיצן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. די אויגן האָבן געבלאָנקעט פֿון וואַנט צו וואַנט. זיי זענען געווען נאַקעט און הויל. אָן וועלכע עס איז באַפּוצונג. אָן אַ בילדל. בלויז אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט האָט דער בליק זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אײַנגעראַמטע אויפֿשריפֿט:

״שפּרעכען, ראַוּכען — שטרענג פֿערבאָטען!״

כ׳בין זיכער געווען, אַז דאָס האָבן ״זיי״ בכּיוון אויפֿגעהאַנגען דאָס שילדל, כ׳זאָל עס כּסדר האָבן פֿאַרן בליק. כ׳האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, געוואָלט עס אויסמײַדן. אַפֿילו דאָס צומאַכן די אויגן האָט ניט געהאָלפֿן. כ׳האָב געפּרוּווט פֿון אָט די שאַרף־קאַנטיקע אותיות אויסלייגן אַנדערע ווערטער, מיט אַן אַנדערן אינהאַלט. ס׳האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן. די ווערטער־קלינגעס זענען שטאַרקער געווען פֿון מיר, כ׳האָב זיי געמוזט זען. ס׳איז ווײַטער געבליבן בײַם זעלביקן: ״שפּרעכען, ראַוּכען — שטרענג פֿערבאָטען!״, ״שפּרעכען, ראַוּכען — שטרענג פֿערבאָטען!״.

ווי די שוואַרצע קראָען האָבן די שוואַרצע ווערטער אַרויסגעקראַקעט פֿונעם רעמל מיט אַ כריפּענדיקן ״כען״ און ״כען״, ״טען״ און ״טען״ און מיר געלעכערט דאָס האַרץ און די געהירן.

כ׳האָב זיך געוואַקלט פֿון מידקייט. ניט דערוועגט זיך אויסצוציען אַ פֿוס, אַ ריר טאָן מיט אַ האַנט. דער האַלדז און נאַקן זענען געווען אַזוי אָנגעשטרענגט ביז צום פּלאַצן.

ענדלעך האָט עמעצער אַ דריי געטאָן דעם שליסל. די זעלבע דרײַ, וואָס האָבן מיך פֿריער צוגעהאַלטן און באַזוכט זענען אַרײַנגעקומען. מ׳האָט מיך אַ רוף געטאָן אָן ווערטער, בלויז מיט אַ קאָפּ־באַוועג. כ׳האָב זיך אָפּגעריסן פֿונעם בענקל. ווידער טירן. ווידער טרעפּ. ווידער קאָרידאָרן. צום סוף האָבן מיך די ״באַגלייטער״ אַרײַנגעשטופּט דורך אַ שפּעלטל פֿון אַ פֿאָרהאַנג אין עפּעס אַ צימער און אַליין זענען ״זיי״ געבליבן אין קאָרידאָר. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען אַז אין אָט דעם צימער וועט מען מיך ״משפּטן״.

ב

דאָס צימער איז געווען אָן פֿענצטער, אָן טירן, אָן מעבל. בלויז דער ״ריכטער״ איז געזעסן אויף אַ שטול בײַ אַ טיש. דער ״אויספֿאָרשער״ און איך — אויך אויף שטולן. די איבעריקע אויף לאַנגע בענק.

אין צימער איז געווען הייס און דושנע. פֿאַרשוויצטע ווענט, ניט געהובלעוועטע בענק, פֿאַפּיראָסן רויך. ס׳איז ניט געווען קיין עפֿענונג ווו דער רויך זאָל זיך צעגיין, איז ער אַרומגעשוווּמען איבערן חלל און אַלץ וואָס האָט זיך דאָ געפֿונען און אַלץ וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען פֿאַרשלייערט מיט אַ מין בלוי־גרוילעכן טומאַן. פֿון אָט דעם טומאַן אַרויס האָב איך געהערט דעם ״אויספֿאָרשערס״ קול:

— האָט דער דאָקטאָר, וואָס האָט אײַך געשיקט צום גאַז, געהאַט בײַ זיך געווער? האָט ער אײַך געדראָט מיטן געווער?!

כּדי צוצוגעבן חשיבות דעם ״געריכט״ און צו ווײַזן ווי ״לאָיאַל״ און ״קאָרעקט״ ער איז, האָט זיך דער ״ריכטער״ אַרײַנגעמישט:

— ניט פֿרעגן קיין שאלות וואָס האָבן ניט קיין דירעקטן שייכות צו אונדזער ענין!

— ווי לאַנג האָט געדויערט דאָס פֿאַרגאַזעוועט ווערן?!

— כ׳ווייס ניט. ס׳קאָן זײַן עטלעכע מינוט. ס׳קאָן אָבער זײַן עטלעכע יאָר. מען האָט מיך אַהין אַרײַנגעשטופּט אָן אַ זייגער. אָן האָר און אָן ציינער. מײַן קערפּער איז דאַן שוין געווען בלויז ביינער און ביינער. אַפֿילו דעם נאָמען האָט מען בײַ מיר צוגענומען. אויך די, וואָס מ׳האָט צוזאַמען מיט מיר אַרײַנגעטריבן, האָבן אַזוי אויסגעזען. ווי איין גוף וואָס איז פֿאַרטויזנטפֿאַכיקט געוואָרן. ווי זיי וואָלטן קיין מאָל קיין באַזונדערע לעבנס ניט געהאַט. קיין באַזונדערע יצורים ניט געווען — — —

— ניט פֿילאָזאָפֿירן! רעדן צו דער זאַך. ענטפֿערן אויף דעם וואָס מען פֿרעגט!

האָט מיר דער ״ריכטער״ שאַרף און מיט קוים־געהאַמעוועטן אומגעדולד איבערגעריסן.

כ׳האָב געזוכט מיט מײַן בליק צווישן די פֿאַרזאַמלטע מענער אויף די בענק אַ פּאָר אויגן וואָס זאָלן אויסדריקן ניט קיין רחמנות, נאָר פֿאַרשטענ־

דעניש. פּשוטע מענטשלעכע פֿאַרשטענדעניש צו מײַנע רייד. כ׳האָב געוואָלט אין זיי געפֿינען אַ ביסל דערמוטיקונג. פֿון זייערע מײַלער און פֿון זייערע אויגן האָט זיך געטראָגן בלויז רויך און רויך.

— מיט וואָס פֿאַר אַ גאַז האָט מען אײַך פֿאַרגאַזט?!

דעם "אויספֿאָרשערס" געזיכט און זײַנע העלע אויגן האָב איך געהאַט אַזוי נאָענט צו מיר, אַז כ׳האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, כ׳זאָל אויף מײַן פּנים ניט פֿילן זײַן פֿאַרשנעלערטן און פֿאַרדעמפּטן אָטעם.

— מיט ציקלאָן ב׳.

— וואָס איז מיט אײַך ווײַטער געשען?!

ווען כ׳האָב ניט אַזוי גיך געענטפֿערט, האָט דער "ריכטער" זיך אָנגערופֿן צום "אויספֿאָרשער":

— ביטע פּרעציזירן די פֿראַגע!

דער "אויספֿאָרשער" האָט ווי געוואַרט אויף דעם:

— כ׳מיין, ווי אַזוי קערט זיך אום אַ מענטש נאָך אַזאַ פּאָרציע גאַז. אַ געוויינטלעכער מענטש וואָס האָט ניט קיין איבערנאַטירלעכע כּוחות. וואָס לעבט ניט אין דער צײַט פֿון דער ביבל, ווען עס זענען געשען ניסים?!

צווישן די פֿיר ווענט פֿונעם בלינדן צימער־קאַסטן איז געווען אַזאַ אָנגעלאָדענע שטילקייט, אַזש דאָס עלעקטרישע לעמפּל האָט זיך צעציטערט. פֿון די שווײַגנדיקע מענערס מײַלער און אויגן האָט זיך אַרויסגעריסן, שוין ניט קיין רויך, נאָר שטיקער פֿײַער. דעם "אויספֿאָרשערס" פֿראַגע, וועלכע איז נאָך אַלץ געהאַנגען אין דער לופֿט, האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿון אַלע זײַטן און פֿאַרברענט געוואָרן אויף אַש...

בילדער פֿון אַ נסיעה

אינדיאַנער־זומער אין סאַנט־אַדעל

מיר זענען אָנגעקומען צו דער הײַזקע, צום הילצערנעם הײַזל, וואָס שטייט אין וואַלד; אין וואַלד וואָס באַדעקט דאָס גאַנצע בערגל און די בערג אַרום און אַרום.

דיביימער קלײַבן זיך אין לאַנגן וועג אַרײַן, צום ווײַסן ווינטער. אַהין וועלן זיי שוין קומען הויל און נאַקעט. דערווײַלע פּראַווען זיי דעם לעצטן יום־טוב פֿון קאָלירן. דערווײַלע זייגן זיי זיך אָן מיטן האָניק פֿון זומערדיקן שפּײַכלער און זיי ווערן שיכּור.

אויב די בלעטער דאַרפֿן שטאַרבן אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט, טאָ זאָל עס זײַן מיט אָראַנזש־קאָליר, מיט באָרדאָ, מיט געל. אַ געל וואָס איז אי באָרדאָ, אי ברוין, אי רויט. אַ רויט וואָס האָט טויזנטער ניואַנסן.

אַזאַ פֿאַרשווענדערישקייט. אַזאַ אויפֿברויז און צעברויז פֿון קאָלירן. אַזאַ צעפּלאַקער קאָן געשען ווען מען האָט שוין ניט וואָס צו פֿאַרלירן.

אין בראַנד פֿון פּורפּל רײַסן זיך אָפּ די בלעטער פֿון די צווײַגן. אין בראַנד פֿון פֿאַרגיי נידערן זיי אַראָפּ צו דער ערד, די בלעטער.

בלויז די נאָדלביימער שטייען אין זייער גרינער געלאַסנקייט. זיי דאַרפֿן זיך ניט אײַלן. זיי זענען געווען גרין אין זומער און גרין וועלן זיי זײַן אויך שפּעטער, ווען עס וועלן שוין זשאַווערן אויף דער ערד אָט די אַלע רעגן־בויגנדיקע בלעטער.

און אַזוי פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך, פֿײַערלעך און דערהויבן צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס די ביימער אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט.

אינדיאַנער־זומער בײַ דער אָזערע וואַרו

דאָס וואַסער בײַ די ברעגן פֿון דער אָזערע וואַרו איז געל, איז ראָזע, איז רויט און איז גרין, ווײַל די האַרבסט־ביימער אַרום דער אָזערע זענען געל און ראָזע, רויט און גרין.

אַ האַרבסטיק ווינטל רינצלט אויף דאָס וואַסער. שערענגעס ווילדע גענדז פֿליִען הויך, הויך איבער די לעת־עתּה נאָך קלאָרע הימלען. זיי ציִען קיין דרום און ציִען־מיט די רעשטן פֿון זומער, וואָס קלאַמערן זיך אין יעדן שטיין, יעדן קוסט.

אַ קילער אָטעם הייבט זיך איבערן וואַסער און ניכטערט אויס די לופֿט פֿון איר זומערדיקער שיכּרות.

דאָס געל און ראָזע, ברוין און רויט פֿון די בלעטער פּאַזע די ברעגן טריפֿן פּאַמעלעך, אומאויפֿהערלעך אַרײַן אין דער אָזערע דעם סם פֿון לעבן און אירע וואַסערן ווערן ביטער. זיי ווערן ביטער און די בלעטער אויף די צווײַגן שיטער און שיטערער.

די ווילדע גענדז וואָס ציִען שורותווײַז קיין דרום לאָזן איבער אַ פּוסטן הימל. אַ ווינטל ווייעט. דאָס וואַסער פּלעסקעט און דער טרויער זיצט בײַם ברעג און צייכנט אויפֿן נאַסן זאַמד אויסגעקרימטע היעראָגליפֿן.

ניו־יאָרק

ניו־יאָרק אין אַ פֿראָסטן רעגנדיקן טאָג. אין גריניטש־ווילעדזש. אין אַ פּאַרק מיט הוילע, נאַקעטע בענק. מיט ביימער וואָס טוען אַ ציטער און טרייסלען אָפּ פֿון זיך די רעגן־טראָפּנס. עס יאָוועט זיך אַ מאַן. אַ מאַן ווי דו ווי איך, ווי אַ סך אײַנוווינערס פֿון דער גרויסער שטאָט.

ווי פֿון דער "העלער הויט" נעמט דער מאַן דרייען מיט די היפֿטן, וואַרפֿן די הענט פֿאָרויס און צוריק, הייבן די פֿיס — דאָ איינעם, דאָ דעם צווייטן — שטעלן זיך אויף די שפּיץ פֿינגער, מאַכן אַ ספּיראַל, פֿאַרוואַרפֿן דעם קאָפּ און לאָזן די הענט ווי צו פֿליִען. ער פֿירט אויס אַ מין קלאַסישן טאַנץ פֿאַר די נאַסע בענק פֿונעם פּאַרק, פֿאַר די פֿאַרכמורעטע ביימער וואָס וואַלטן זיך בעסער געקוויקט מיט אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקטער וואַרעמקייט פֿון

אַ סעפּטעמבער־זון איידער מיטן אומגעריכטן רעגן און מיט אַן אומגע־בעטענעם טענצער.

די פֿאַרבײַגייער שענקען ניט דעם צעהאָפּסלטן מאַן קיין איינציקן בליק. בלויז דער רעגן שטעלט זיך אָפּ און קוקט זיך צו אויף טשיקאַוועס, ווי לאַנג וועט עס אַזאַ איינער האָבן כּוח צו באַוועגן זיך אין ריטמיש־ניט־ריטמישן אומזינען אין גריניטש־ווילעדזש, אין מיטן פֿון אַזאַ געוויינטלעכן גרויען טאָג.

אויפֿן הונדערט און צווייטן שטאָק

אויפֿן הונדערט און צווייטן שטאָק פֿונעם ניו־יאָרקער עמפּײַער בילדינג זיצט אַ פֿאָטאָגראַף און פֿאַרקויפֿט אילוזיעס.

אויפֿן הונדערט און צווייטן שטאָק קאָנסטו אויף אַ מינוט ווערן אַ מאַרקיזע אין אַ קרינאָלינע, אַ פּיראַט מיט אַ הילצערנעם פֿוס, אַן אַריסטאָקראַט אין אַ פֿראַנצייזישן זשאַבאָט, צי גאָר אַ ציגײַנערקע, אַ זינגערין, אָדער אַ זינדיקע בײַ אַ נאַכטיקן לאַמטערן.

איטלעכער קאָן זיך אויסקלײַבן זײַן געשטאַלט אויף אַ ווײַלע פֿאַרן פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט. איטלעכער קאָן אַרויפֿהייבן זײַנע דערשטיקטע חלומות צום הונדערט און צווייטן שטאָק און זיי אָנקליידן אין די פּראַכטיקסטע קאָלירן.

דערווײַטערט מיט הונדערט און צוויי הייכן פֿון גרויסשטאָטישן בליאַסק און שמוץ, רעש און רעקלאַמע, פֿון דער וואָכעדיקייט, פֿון דער חוצפּהדיקער נאַקעטקייט, פֿון דער פֿאַרלוירנקייט צווישן דעם מענטשן־שטראָם וואָס קען דיך ניט, וואָס וויל דיך ניט, וואָס דאַרף דיך ניט, ביסטו אַ רגע אַנטקעגן דעם נײַגעריקן אויג פֿון פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט אַן אַדמיראַל, אַ קאַניבאַל, אַ מאַגנאַט. דערנאָך וועסטו דײַן אויסגעקליבענע געשטאַלט, אין אַ מאַלאַכיט־רעמל, צי אין אַן אָפּגעגילט רעמל, אַראָפּטראָגן צו דער הונדערט און צווייטער אויסגעניכטערטקייט, צו דער הונדערט און צווייטער וואָכעדיקייט און מיטן אײַנגעוויקלטן ברעקל חלום אין אַ פּלאַסטיק־בײַטל אויסמישן זיך אין דעם ריזיקן מוראַשניק וואָס הייסט — ניו־יאָרק.

שיקאַגאָ

מיר זענען געווען אויפֿן פֿיר און נײַנציקסטן שטאָק פֿון "דזשאָן הענקאָק אָבסערוואַטאָרי־סענטער" און געזען שיקאַגאָ פֿון אַלע זײַטן.

אויפֿן פֿיר און נײַנציקסטן שטאָק קאָן מען זיך אפֿשר אויסשמועסן מיט גאָט. ווייס איך ניט, צי דאַרף מען צו אים רעדן פּאַוואָליע, שרײַען, צי שעפּטשען.

מײַן בליק האָט דורך דער ווײַטקייט באַמערקט אויף דער מישיגען־אָזערע ווי אַ ווײַסער מאַסטבוים פֿון אַ גרין שיפֿל האָט געפּאַנגען די זון און וויגט זיך מיט איר צווישן זײַנע ווײַסע זעגלען אַהין און אַהער. ס'איז מיר גוט. איך וויל וויינען. גלאַט אַזוי. אָן שום סיבה. כ'האָב עס ניט געטאָן, ווײַל לעבן מיר איז געשטאַנען אַ שוואַרצער בחור, אַרויסגעקוקט ווי איך און האַסטיק געקײַט — אַ מאַסטיק. ער האָט אַזוי געבליצט מיט די אויגן־ווײַסלען, אַז כ'האָב זיך פֿאַרשעמט. ס'האָט זיך מיר שוין געוואָלט שטיין צוריק אויפֿן פֿעסטן באָדן מיט פֿיר און נײַנציק שטאָק נידעריקער.

די לופֿט פֿון די הייכן איז, ווײַזט אויס, ניט פֿאַר מיר.

די אַלטע שימפּאַנזע

די אַלטע שימפּאַנזע אין זאָאָלאָגישן גאָרטן פֿון שיקאַגאָ איז געווען אַליין אין אַ שטײַג, אָפּגעזונדערט פֿון די אַנדערע מאַלפּע־שטײַגן.

די אַלטע שימפּאַנזע אין זאָאָלאָגישן גאָרטן פֿון שיקאַגאָ איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען.

די באַלײַכטונג איבער איר איז אויסמאַטערנדיק־געל. די לופֿט אַרום איר — געל. אַפֿילו דער גענעץ איז אַרויס פֿון איר מויל פֿאַרגעלט.

ווען מען האָט איר אַרײַנדערלאַנגט אַ קאַרטאָן מיט פֿרישן גרינס, האָט די שימפּאַנזע ניט גערן אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן צום קאַרטאָן. צוריקגעלייגט דעם קאָפּ, ווידער אים אונטערגעהויבן און מיט אַ כמורנעם בליק אָפּגעמאָסטן דעם מרחק פֿון איר ביז צו דער שפּײַז. ס'מויל האָט זיך אויסגעקרימט. די אונטערשטע ליפּ — געציטערט. ענדלעך האָט זי

זיך אויפֿגעזעצט און מיט מי און מאַטערניש קוים זיך געשטעלט אויף די פֿיס.

בײַם מאַכן אַ טראָט האָט זיך איר אומגעלומפּערט־גרויסער גוף ווי אײַנ־געקאָרטשעט און די פּלייצע — אַריבערגעבויגן אויף אַ זײַט. דער קאָפּ איז אַרײַן אין די אַקסלען. איין האַנט האָט אין דער לופֿט געזוכט עפּעס אַן אָנשפּאַר. די אַנדערע האָט זיך סתּם נאָכגעשלעפּט איבערן צעמענט מיט פֿאַרבויגענע פֿינגער ווי אַ צעבראָכענער שופֿל. פֿון מויל איז גערונען אַ גאַווער. יעדעס מאָל האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אירע ליפּן אַ פּאַסמע פֿײַכטקייט און געפֿאַלן אויפֿן האַרטן דיל פֿון שטײַג.

פֿון צווישן דעם גרינס האָט די שימפּאַנזע דווקא אויסגעקליבן אַ מייערל. זי האָט דאָס מייערל געהאַלטן לאַנג אין איין האַנט און מיט דער אַנדערער געקראַצט זיך אין פֿאַרלעגנהײַט די אויסגעקראָכענע פֿעל פֿון קאָפּ. זי האָט דאָס מייערל פֿילאָזאָפֿיש באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן. צום סוף דאָס אַוועק־געוואָרפֿן אין אַ ווינקל און גענומען זיך צו אַ ווייך הייפּטל קרויט. זי האָט די קרויט־בלעטער געקײַעט אָן איבערצײַגונג, אָן חשק מיט איר אײַנגעפֿאַלן מויל.

פֿון דער הייך האָבן אַראָפּגעגליוערט די הוידלקעס, די לייטערס, די שטריק. די שימפּאַנזע האָט פֿון צײַט צו צײַט געוואָרפֿן צו זיי אַ פֿאַרבענקטן בליק. די אויגן זענען געשפּרונגען פֿון לייטער צו לייטער און נאָך העכער, נאָך ווײַטער — אַזש צו די הוידלקעס, צו די שטריק. די אויגן האָבן זיך אײַנגעמאַטערט. ס'איז נאַס געוואָרן דער בליק.

וואַשינגטאָן

כ'האָב געזען אין דער סאָלידער שטאָט וואַשינגטאָן די איידלסטע שטיינער פֿון דער וועלט: טאָפּאַזן, ווײַסע און ווײַס־געלע און דורכזעיִקע זענען זיי געווען און שעמערירט האָבן זיי און צוגעצויגן, ווי בלויז זיי וואָלטן געווען די אויסדערוויילטע אויף דער וועלט.

און געזען האָב איך מאַלאַכיט־שטיינער, וואָס זענען גרין בײַ די ראַנדן און וואָס טיפֿער — ווערן זיי אַלץ בלוי און בלויער, ביז וואַנען זיי

דערגרייכן אַ בלוי וואָס איז שוין ניט מער ערדיש. עס דאַכט זיך אַז אָט באַלד ווערט אויס קאָליר, עס פֿאַרוואַנדלט זיך אין וויבראַציע, אין ערשטע אַקאָרדן פֿון מוזיקטענער.

און אַ קײַלעך פֿון קרישטאָל איז פֿאַראַן אין יענעם וואַשינגטאָנער מוזיי, אַ באַלעם אַזאַ ווי דער וועלטקײַלעך, אָבער ריינער, קלערער, דורכזעיִקער ווי די וועלט. דאָס גאַנצע ליכט פֿון די עלעקטרישע לאָמפּן ציט־צו אָט דער באַלעם צו זיך. אַלע מענטשלעכע בליקן האָבן זיך צו אים געריסן. אַלע מענטשלעכע בליקן האָבן פֿון אים אַרויסגעקוקט, אַזוי קלאָר, אַזוי ריין.

און קופּערשטיינער ליגן דאָרט, אין זייער רויער אורפֿאָרעם. מיט בלויע און געלע אָדערן זענען זיי אַרומגענומען און פֿאַרפֿאַנצערן אין זיך זייער שיינקייט: עס זאָל קיין ברעקל פֿון איר ניט פֿאַרלוירן גיין.

בײַ די מאָרין הײַטס

פֿאַר יעקב זיפּער

גוטע ייִדן זאָגן, אַז דו ביסט פֿאַראַן אומעטום און איך האָב דיך, מײַן גאָט, געפֿונען בײַ די מאָרין הײַטס, אויף דער אָזערע לאַק בושעט, ווען כ׳בין מיט מײַן פֿאַרטראַכט שיפֿל אויף אירע גלאַטיקע וואַסערן אַרויס־געשוווּמען.

ניט פֿון הימל אַראָפּ, נאָר פֿון וואַסער אַרויס האָסטו צו מיר, מײַן גאָט, אַרויפֿגעדימענט. האָסט מײַן שיפֿל געגלעט מיט אַ קילן גנאָד, געזאַלבט מײַן שטערן מיט אַזאַ שטילקייט וואָס נאָר אויסדערוויילטע זענען דערצו זוכה.

די ביימער פֿאַזע די ברעג־אַראָפּהאַנגען האָבן שאָטנדיק אַרונטער־געבויגן זייערע גערדיכטע שעוועלורעס צום וואַסער און שטיל געמורמלט. קוים־קוים מיט די צווײַגן באַוועגט ווי מורא געהאַט צו צעשטערן די געטלעכע רו, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן וואַסערבלוי, איבערן פֿלאָנטער פֿון די וואַסער־ליליען ביז צו די הויכע, פֿאַרוואַקסענע ברעגן מיט פֿאַפּראָטניק, ביז צו די נידעריקע שוואַרץ־בלוילעכע יאַגעדעס און רויט־פֿינטלדיקע מאַלינע־קוסטעס.

דאָס שיפֿל איז ספּק געשוווּמען, ספּק געשטאַנען. די רודערס האָבן געדרימלט אין אַ ווינקל. מײַנע חושים אָבער זענען געווען וואַך. אויג און אויער אָנגעשטעלט. אַ פֿויגל האָט גערופֿן. אַ בין האָט געזשומט. אַ געל

זומער־פֿייגעלע האָט זיך געזעצט אויף אַ קנאָספּ פֿון אַ געלער וואַסער־ליליע. דער קנאָספּ האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקלט. אויפֿן הימלבלוי האָבן זיך באַוויזן וואָלקנדלעך, דורכזעיִקע געוועבן וואָס זענען זיך ביסלעכווײַז צעגאַנגען.

דער טאָג האָט זיך שוין גענייגט צו מערב. מײַן שיפֿל האָט זיך אָבער ניט געאײַלט, זיך לײַכט געהוידעט און געסודעט מיט די פֿלאַכע בלעטער פֿון די וואַסער־ליליען. שווער געוווען זיך אָפּצורײַסן פֿון דער שפּיגלבלויער אָזערע לאַק בושעט, ווו גאָטס גנאָד האָט געדימענט אויף מײַן שטערן.

לאַס וועגאַס

אין מיטן מידבר — אַ שטאָט

אין מיטן שטאָט — האָטעלן און קאַזינאָס.

אַלע, אַלע האָבן געשטראָמט אין די שפּילהײַזער.

בלויז דער צײַט איז פֿאַרוועהרט אַריבערצושפּרײַזן די שוועל. אַפֿילו ניט אַרײַנבליקן אַהין. די קאַזינאָס האָבן ניט קיין פֿענצטער. ווייס מען ניט צי ס'איז טאָג צי נאַכט. קיינעם גייט עס ניט אָן. מיט לײַב און לעבן איז מען אין דער עבודה פֿאַרטאָן: פֿרויען. מענער. שוואַרץ און ווײַס און געל. יונג און אַלט. אַטלעטן און געליימטע אויף וועגעלעך. אינוואַלידן אויף קוליעס. אַלע, אַלע דינען זיי דעם זעלבן אָפּגאָט. דעם זעלבן שטייענדיקן קאַסטן מיטן מעטאַלענעם הענטל, מיטן גלעקל, מיטן גלעזערנעם אייגל און מיט דעם זעלבן שמאָלן מויל־שפּאַלט.

אָט דער שפּאַלט ווייס ניט פֿון קיין זעט. מיט רויטן ווונק פֿון גלעזערנעם אייגל רעדט ער:

— וואַרפֿט מטבעות. פֿילט מיך אָן מיט מאָנעטן!

דער שכר וועט זײַן כּפֿל־כּפֿליים!

דער קײַלעכיקער פֿאַל פֿון מאָנעטן דאָס איז דאָס איינציקע געזאַנג, דער איינציקער קלאַנג וואָס טראָגט זיך פֿון אויער צו אויער. פֿון קאַסטן צו קאַסטן.

רײַען נאָך רײַען, שורות נאָך שורות. די זעלבע מאָס. די זעלבע גרייס. ניט בייז. ניט פֿריילעך. סטאָיִש־קאַלט און האַרט צו יעדן באַריר. יעדער קאַסטן האָט אין זײַן אונטערשטן חלק אויך, אַ בויך. אין רגעס פֿון גרויס חסד באַוויליקט דער אײַזערנער בויך זיך צו עפֿענען און דעם געטרײַען געצן־דינער צוּוואַרפֿן דעם אַזוי געהאָפֿטן מטמון.

זיס איז דער רויש פֿון פֿאַלנדיק געלט. ווער מיר וועלט, וואָס מיר וועלט — געלט!!! די ליפּן ציטערן. די אויגן פֿיבערן — געלט!!!

די רגעס פֿון גנאָד זענען אָבער אַזוי זעלטן. דאָס שפּעלטל פֿון מויל מאָנט שוין ווידער זײַן גאָב און אַלץ הייבט זיך אָן פֿון דאָס נײַ:

דאָס אייגל אַ גלי. דאָס הענטל אַ צי. דאָס גלעקל אַ קלונג. די מטבע אַ פֿאַל און בײַם געטש איז די טראַכט — פֿאַרמאַכט. ער שטייט ניט בייז, ניט פֿריילעך. סטאָיִש־האַרט און קאַלט צו יעדן באַריר.

דער גאַסן־זינגער

סאַן־פֿראַנציסקאָ. יוניאָן סקוועער. לאַמטערנס, מענטשן,ביימער. טראָטואַרן, האָטעלן, נעאָנס, רעסטאָראַנען. דעפּאַרטאַמענט־סטאָרס, אויטאָבוסן, ביכער־קראָמען און אינמיטן דעם ווירוואַר פֿון רעש און רויש. פֿון קלינג און קלאַנג. פֿון רויך און ריח. ווי צוגעקלעפּט צום ראָג פֿון גאַס — אַ קליינער אויטאָמאָביל. דער אויטאָ — אָן טירלעך, אָן ווענטלעך און אָן אַ דאַך. אויף דער פֿלאַך פֿון באָדן אַ פּיאַנע. אויף דער פּיאַנע אַן אָנגעצונדן ליכט אין אַ גלעזערנעם געשטעל פֿון רעכטס און אַ צעפֿלעמלט ליכט אין אַ גלעזערנעם געשטעל פֿון לינקס.

בײַ דער זײַט פֿונעם שוואַרץ־גלאַנציקן דעקל אַ קרישטאָלענע כּלי מיט אַ שמאָל, אויסגעצויגן העלדזל און אין דעם אַן איין־און־איינציקע רויז. דערנעבן — אַ באָקאַל אויף אַ שמאָל פּיסל, אָנגעפֿילט ביז דער העלפֿט מיט ווײַן.

בײַ די קלאַווישן — אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט לאַנגע האָר און באַוועגלעכע פֿינגער, אין אַ פֿראַק און אין אַ צילינדער, מיט אויגן פֿאַר־

טראָגן צו די שטערן זינגט און שפּילט.

דער יונגערמאַן מיט די צוויי גלאַנציקע פּראַקלאַצן בעט דעם דורכגייער מיט די צוויי אויסגעכאָליעטע הענט וואָס לויפֿן איבער די פּיאַנע־ביינדלעך און מיט דעם געזאַנג צו פֿאַרהאַלטן זיך און אַרײַנוואַרפֿן אַ פּראָזאַישע מטבע אין אַ קליין קאַרטאָן־קעסטעלע. איבערן קעסטל — אַ קאָלירטע, גרויסע אויפֿשריפֿט: ״העלפֿט אַ טאַלאַנטפֿול קינד זיך אויסבילדן מוזיקאַליש!״

דאָס קעסטעלע מיט דער אויפֿשריפֿט איז דיסקרעט אָפּגערוקט, דערוויַיטערט פֿונעם אויסגעפּוצטן, בלאָנדן זינגער, ווי דער פֿראַק און צילינדער האָט ניט קיין שייכות צום קעסטל — זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. ווי ניט ער איז דאָס ״קינד״ פֿאַר וועמען מען קלייבט די באַרעמ־האַרציקע פּעניס און קוואָדערס. זײַן וועלט איז אויסער דעם און איבער דעם. זײַן וועלט זענען שטערן, פּיאַנע און געזאַנג, ווײַן און בלום און אָנגע־צונדענע צוויי ליכט, וואָס זייערע פֿלעמלעך טוקן זיך און מיניען אינעם האַלב־פֿולן באָקאַל.

ניאַגאַראַ, ניאַגאַראַ

ניאַגאַראַ, ניאַגאַראַ.

וויפֿל זונען, וויפֿל לבנהס האָסטו פֿאַרנאַרט, וויפֿל שטערן פֿאַרשלונגען אין דײַן זידיקער צעברויזטקייט?

וויפֿל ביימער זענען פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון דײַנע זילבער־שלייערן. געלאָפֿן מיט די נאַקעטע וואָרצלען צו דײַן פֿליסיקן געבלענד. צו די פֿעיעס, צו די וואַסער־כּלהס, וואָס האָבן אין די נעכט געזונגען, געשפּרונגען פֿון כוואַליע צו כוואַליע און שפּרינגענדיק געפּליעסקעט מיט די הענט?

וויפֿל פֿעלדזן האָסטו ווייך געמאַכט און צעקרישלט. וויפֿל פֿייגל — פֿאַרכּישופֿט?! אויך איך קום צו דײַנע צויבער־פּאַלאַצן פֿון צעפֿינקלטן שפּרײַ. איך קום צו דיר פֿון הייסן מידבר. איך גרייך צו דיר פֿון טרוקענעם זאַמד. איך וויל אָנזאַפֿן מײַן אויער מיטן רויש פֿון דײַן מעכטיקן שטראָם און ווירבל. איך וויל אָנזעטיקן מײַן אויג מיטן בליאַסק פֿון דײַן דורותדיקן גאַנג. אָננעמען זיך מיט דער אומגעצוימטער קראַפֿט פֿון דײַנע וואַסערן, וואָס

שטופּן זיך און שטויסן זיך אָן שרעק און אָן ציטער אין אייביקן געאײַל צום אומפֿאַרמײַדלעכן ראַנד. איך וויל בײַנאַנד מיט דיר און מיטן רעגן־בויגן אַראָפּדונערן אין די תּהומען. איך וויל אַ טייל ווערן פֿון דײַנע טומאַנען, פֿון דײַנע שוימען.

ניאַגאַראַ, ניאַגאַראַ!

יאָסעמיטי

בלויע פֿייגל פֿון יאָסעמיטי.

אורשטאַמיקע, רויטקאָריקע סעקוואָיעס פֿון יאָסעמיטי.

סקאַלעס־מאַסיוון פֿון יאָסעמיטי.

קוואַלן, שטראָמען און וואַסער־פֿאַלן פֿון יאָסעמיטי, מײַן באַגײַסטערונג ראַנגלט זיך מיט ווערטער.

בענקשאַפֿט פֿאַרוועבט אין דער גרינער פֿאַרהוילעניש פֿון דײַנע וועלדער. מיט הירשן זאַלבענאַנד קום איך צו אַ קוואַל זיך פּויען. כ׳טונק מײַן פּנים אין קרישטאָל פֿון וואַסער און מײַן אָפּבילד פּונעם וואַסער לאַכט צו מיר פֿאַרשײַט. יאָסעמיטי.

בגילופֿין הייב איך זיך אַרויף צו מלכות פֿעלדז. אַ וואָלקן טראָגט מיך צום געשפּאָלטענעם ״דאָם״. ניט פֿאַרענדיקט שטייט ער, דער שטיין־טעמפּל. די אַנדערע העלפֿט האָט גאָט פֿאַרגעסן צוצובויען און אפֿשר אין מינוט פֿון ייִאוש אים צעשטערט? נאָר בלויע פֿייגל ציען זיך צו זײַנע פֿעלדזן פֿון באַגינען ביז פֿאַרנאַכט. פֿון באַגינען ביז פֿאַרנאַכט. יאָסעמיטי.

כ׳לויף אין דער טונקל איבער שטיין־ברילעס. ס׳רײַסט זיך פֿון מיר דער טרויעריקער אינדיאַנער געשריי. מײַן בענקשאַפֿט איז דער שײַטער וואָס ווערט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַ שטיין־גיגאַנט. מיט די פֿונקען צעשיט איך זיך אין דער נאַכט. אַ פֿונק פֿאַלט אַרײַן אין דער ״שפּיגל־אָזערע״. צי וועט אויך מײַן פֿונק אויפֿקלײַבן דער אַלטער אינדיאַנער־מכשף, וואָס וווינט אויפֿן דנאָ פֿון דער אָזערע, אין זײַן שקעטעלע פֿון רויטלעכן סעקוואָיע־האָלץ? צי איז שוין זײַן שקעטעלע פֿול? יאָסעמיטי.

...און באַלד וועט ער פֿון די פֿונקען אַ ריזיק פֿײַער צעבלאָזן. די פֿלאַמען וועלן די פֿרעמדע מענטשן־קינדער פֿון יאָסעמיטי־טאָל פֿאַרטרײַבן. פֿון פֿיר־

קאַנטיקן ריז ״על קאַפּיטאַנאַ״ און פֿון די טויזנט־יעריקע סעקוואָיע־קרוינען וועלן צוריק אַראָפּקומען זײַנע פֿאַרוואָגלטע ברידער און מען וועט שוין מער ניט הערן אין די נעכט, איבער די בערג דעם טרויעריקן אינדיאַנער־געשריי...

יאָסעמיטי.

GOSPELS

פֿאַר דעם געזאַנג פֿון מאַהאַליאַ דזשעקסאָן

מײַן גאָט, אַ זינדיקער בין איך, כ׳בין פֿאַרזינדיקט, מײַן גאָט! צי הערסטו מײַן קול דיך רופֿן? אפֿשר איז מײַן קול אַזוי שוואַרץ ווי מײַן הויט? ווען יאָ, דערגרייכן ניט די רייד, וואָס מײַנע לעפּצן ברענגען אַרויס, צו דיר. זענען מײַנע ווערטער טרוקענע זאַמדקערנער, וואָס יעדעס ווינטל קאָן זיך מיט זיי אַרומיאָגן.

שוואַרצע בלומען גייען אויף אויף מײַנע בייטן. דער טאָל וווּ מײַנע ברייטע פּוספּלאַכן טרעטן, טריקנט מיר מײַן שאַרבן דורך, ביז כ׳צי דאָס אָרעם שטיקל ברויט פֿון דער ערד אַרויס. מײַן שוועל ווייס ניט דעם טעם פֿון פֿרייד און פֿון געלעכטער.

מײַן גאָט, אַ זינדיקער בין איך, כ׳בין פֿאַרזינדיקט, מײַן גאָט!

די ווײַסאַפּלען פֿון מײַנע אויגן קוקן אין די נעכט אַרויף צו דיר און זוכן דיך. בײַ נאַכט ביסטו נענטער צו מיר. בײַ טאָג פֿאַרשטעלסטו זיך מיט דעם פֿײַערראָד פֿון דער זון. די ווערטער מײַנע צעשמעלצן זיך אין האַלבוועג צו דיר. דערפֿאַר ביסטו בײַ נאַכט אין גאַנצן מײַנער. נעמסט אָן די צורה און דעם אָנבליק פֿון מײַן געזיכט. מײַן געזיכט פֿאַרמאָגט אָבער מער קאַרבן און פֿאַלדן פֿון דײַנעם. איך עלטער זיך אָן יאָרן און דו ביסט אַלץ נאָך דער יונגער גאָט.

די ערד, וואָס כ׳האָב, איז שטיינערדיק. די כאַטע — ליימיק. איך האָרעווע פֿון טאָגשפּראָץ ביז טיפֿער נאַכט. דאָס ברויט איז קאַרג און מײַן שוועל ווייס ניט דעם טעם פֿון פֿרייד און פֿון געלעכטער.

אין מײַן באַדרענגעניש רוף איך צו דיר! זײַ מיר אַן אָנשפּאַר אין מײַן פֿאַרלאָזנקייט!

אינהאַלט

מעשיות און געשיכטן

אַ מעשה וועגן אַ מענטש וואָס איז אין דער וויסטעניש געגאַנגען. 7

אַ מעשה וועגן אַ קעניג, אַ שטערן און אַ בליצלאָמפּ 11

אַ מעשה וועגן אַ שוואַרצן און אַ ווײַסן טויט. 15

אַ מעשה וועגן אַ מאָלער, אַ זייגער־מאַכער און אַ זאַק
מיט צעפּערטלטע בילדער 21

אַ מעשה־נורא אין אַ מילדן, פֿרילינגדיקן טאָג. 23

אַ פּאַרצײַטישע געשיכטע. 26

צו קבר־ישראל. 29

אין מידבר. 33

האָט ער באַפֿוילן 38

באָהיניאַ. 39

צו דער מידבר־שטילקייט. 40

"MEMENTO MORI" 42

קליינע שפּליטערס פֿון דער גרויסער מלחמה

קליינע שפּליטערס פֿון דער גרויסער מלחמה 47

וויפֿל איז דאָס אַ קורצע צײַט. 49

דער קאָמפּאַס 58

שרעטעלעך. 62

ליפּע 66

נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן. 70

"זיי" 74

בילדער פֿון אַ נסיעה

אינדיאַנער־זומער אין סאַנט־אַדעל 81
אינדיאַנער־זומער בײַ דער אָזערע וואַרו 82
ניו־יאָרק. 82
אויפֿן הונדערט און צוויײטן שטאָק 83
שיקאַגאָ 84
די אַלטע שימפּאַנזע 84
וואַשינגטאָן. 85
בײַ די מאָרין הײַטס. 86
לאַס וועגאַס. 87
דער גאַסן־זינגער 88
ניאַגאַראַ, ניאַגאַראַ 89
יאָסעמיטי 90
"GOSPELS" 91